# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 38 • מאנטאג, כ"ב אדר א' תשפ"ז • 1טן מערץ 2027 • די וואך פון פרשת ויקהל**

כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם

משלי כז, יט



**אין דעם נומער**

**צו פארגינען אדער נישט?**
הבל וריק • פעליעטאן

**מילגרעם'ס שאקס**
פסיכאלאגיע • וויסנשאפט

**ווער בין איך?**
לולקע-ציבער • איבערלעבונג

**די ניין טיפן מענטשן**
קאווע שטיבל • שמועס

**פרויד אין וויען**
שאלתיאל • היסטאריע

**ארבע מדות לבלאפער**
זאלצוואסער • הומאר

ארכיוו
נומער 38 • מאנטאג, כ"ב אדר א' תשפ"ז
1טן מערץ 2027 • די וואך פון פרשת ויקהל

הקדמה

# דער מענטש: א נומער וועגן כאראקטער און מידות

„כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם" – ווי אין וואסער זעט א מענטש זיין אייגן פנים, אזוי זעט ער אין א צווייטן זיין אייגן הארץ. דער נומער איז געווידמעט דעם מענטש אליין: זיין כאראקטער, זיינע מידות, זיינע געוואוינהייטן, און די פסיכאלאגיע וואס שטעקט הינטער זיי.

אינעם הויפט־ארטיקל נעמט „הבל וריק" אונטער א שארפער לופע א מידה וואס די מוסר־ספרים האבן, לויט אים, פארזען: דאס נישט פארגינען דעם גביר פון שטאט. אינעם שמועס פון דער וואך מאכן די ליינער פון קאווע שטיבל א „טעסט" וואס טיילט די מענטשן אין אין ניין טיפן – און קריגן זיך צי מען קען בכלל ארייננשטעלן א מענטש אין א קעסטל.

„יעקב מעקסוועל" און „מי אני" ברענגען די באריהמטסטע עקספערימענטן אויף דער מענטשליכער נפש, פון פרעה פסמתיך ביז מילגרעם. „שאלתיאל" דערציילט די געשיכטע פון זיגמונד פרויד און זיין שיטה, מיט א באזוך פונעם רש"ב אין ווינען.

„לולקע-ציבער" וויל זיך פארשטעלן פאר די ליינער און שטעלט זיך אפ ביי דער פראגע „ווער בין איך?", און דער שלומיאל פון די מעשיות באקומט א פולע ביאגראפיע. צום סוף ציילט „זאלצוואסער" אויס פיר סארטן בלאפער וואס קומען שפעט צום דאווענען.

אין די פערל: א ליד פון איינעם וואס יאגט זיך, קנאה און מיליאנען, און צוויי אפאריזמען. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק": א קלאג פון 2022 פון איינעם וואס האט זיך געשלאגן מיט זיין יצר, און א ליד פון 2013 וואס הייסט „לעב דיין אייגענעם!".

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל • פעליעטאן | צו פארגינען אדער נישט צו פארגינען • הבל וריק | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | די ניין טיפן מענטשן – וועלכער ביסטו? • קאצקע ציקער, הקטן, berlbalaguleh, moshav zekeinim און אנדערע | 6 |
| וויסנשאפט • פסיכאלאגיע | עקספערימענטן אויף דער מענטשליכער נפש • יעקב מעקסוועל, מי אני און אנדערע | 9 |
| היסטאריע | די אידן און פסיכאלאגיע: פרויד • שאלתיאל | 11 |
| איבערלעבונגען • א זעלבסט־פארטרעט | ווער בין איך? • לולקע-ציבער און אנדערע | 14 |
| הומאר | ארבע מדות לבלאפער • זאלצוואסער | 17 |
| קולטור • פאלקס־טיפן | שלומיאל: א ביאגראפיע • וויל אזוי און די ליינער | 18 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 20 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • פריש וואסער | 21 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 22 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 24 |

הויפּט־אַרטיקל • פעליעטאָן

# צו פאַרגינען אָדער נישט צו פאַרגינען

די מוסר־ספרים האָבן אויסגעשריגן כעס, קנאה און גאווה – אָבער איין מידה איז פאַרבליבן אין אַ געבלימטער בעקיטשע: דאָס נישט פאַרגינען דעם גביר. אַ שאַרפער פעליעטאָן פון 2024. עטליכע ווערטער זענען אויסגעלאָזט.

פון **הבל וריק**

קאַווע שטיבל • קאַווע שטיבל • „צו פאַרגינען אָדער נישט צו פאַרגינען“ • 14טן מאַי 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/17050.html

אַ גרויסע קאָלעקציע פון מוסר ספרים איז פאַרהאַן, אינעם געביט פון מענטשן ראָסע פּראָבלעמען.

יעדער ביי זיך אין שטוב האָט אַ פּאַליצע דערפון אָדער אַ געפינטעלטע סעט כאַטש - אַ פּריוועט רבי, צו פאַרשטאַרבענעם עלטער פעטער'ס בר מצוה געשאַנק צו פאַרדאַנקען.

אמת, די ספרים מאָנען ווירקליך מער וואָס מ'קען באַשיינפערליך צושטעלן.

מ'קען דאָך נישט פּאַקטיש זיין 'דער מאָדעל איד'. פּונקט ווי אין רעאַליטעט, וויפיל מאָדעל'ס מאַכט זיך דען. גאָט האָט עס קאַרג פאַרטיילט, קען מען זאָגן. 'לוקס', איז אַ גאַנצע גדולה ביי די מאַסן. און וואָס מיינט עס דען? נישט מיאוס, בסך הכל.

טראָגט ער זיך נישט אַרום מיט אַן אומנויטיגע אינטש האָר שוין איבער ס'גאַנצע קערפּער, ווי דער טשימפּ אַליין.

איז איר נישט די פּיס גראָב ווי אַ רעטעך, די ליפּן האַלב אַריין, די געשטעלט האַלב אַרויס, און דאָס געזיכט מיט בערג און טאָלן פאַרפאַלגט, נאָר אַ גלאַט געפּאַרעמטע פּרוי איז זי, ווי חוה געווען, אין די גוטע צייט.

ווער ס'צייכנעט זיך נאָר אויס אין די אַלע זאַכן, נרצה, איז באַוויליגט ביי די מענטשן. מענטשן וואָס הערן נישט אויס אַפילו פון ניי וויליאַמסבורג אויף אַלט, זענען גרייט אויסצוהערן אַ 'נישט פּעלערהאַפטיגן' מויד. אַ מאַדעל, ווי מ'זאָגט, וואָס איז ווי ערוועגט, אַ זעלטענער פּראָדוקט.

און דאָ איז ניטאָמאָל דעם מענטשנ'ס בחירה פּאַרמישט. אַנדערש ווי זיינע מעשים טובים, קען ער שיין, נישט זיין. ס'עצם געבוי זיינער איז אַבזשעקטיוולי פּאַרקרימט, נישט ווי ס'ברויך וועט צו זיין. פאַר אים זעלבסט איז בלויז פאַרבליבן דאָס אַקצעפּטירן זיין צושטאַנד אַלס אַן אומגליקליכער רעאַליטעט.

ווי עס שיינט איז גאָט כביכול צופרידן דערמיט, ס'איז מעגליך אַפילו זיין באַליבסטע באַשעפעניש, ווי דאָס וואָרט גייט (נישט זיכער אויב ס'איז אַ וואָרט): "ווייל פון זיי האָט ער געמאַכט די מערסטע".

דאַרף מען וואָרשיינליך קיין מאָדעל איד אויך נישט זיין.

אָבער טראָגן די אומרעאַליסטישע ערוואַרטונגען, האָט פאַרט די מוסר אַזויפיל אויפן פאַלק געווירקט, אַז מידות מגונות איז אַפּגעפּרעגט. כעס, קנאה, שנאה, גאווה, תאווה; אַ פּראָבלעם איז עס כאַטש.

מ'זעט דאָס אַפּשר נישט ווען מ'פאַלט זעלבסט דורך, אָבער ווען יענער פאַלט דערמיט, ווייסט מען יאָ.

דו קעסט נישט זיין קיין פּרעכטיגער דל גאה, אַן באַשמיצט ווערן ביי זוממערדיגע שלש סעודות'ן איבער די גאַרער קאַלאַניעס.

איז אָבער איין מדה פאַרבליבן, איין שווערער אויבנאָן מדה, מיט אַ געבלימטע בעקיטשע. וואָס איז עפּעס יאָ פאַרזען געוואָרן דורך רבי ישראל סאַלאַנטער'ס מקום הניחו לי המוסר'ניקעס להתגדר בו, נעמליך, אומפאַרגינערישקייט.

אויב באַזייטיגט מען ווען נישט מכירת יוסף צו דער "העכערע זאַכן" רובריק, איז עס גראָדע אַ קלאַסישע ביישפּיל פון אומפאַרגינען, און די תורה לויטעט גאַנץ קלאָר די פּראָבלעם און איר קאָנסעקווענצן.

בעצם איז טאַקע פון איין זייט דאָ אַן אומגעהויערע צאָל פון ירושה אינצידענטן, צעקריגטע פאַמיליעס, פאַרפּרעמדעטע ברודער מיט סטראָקעס, וואָס איז אויך אומפאַרגינען באַזירט. איין ברודער כאַפּט אַ דאָלאַר און דער צווייטער שלינגט נישט, אָדער פאַרקערט, איינער פאַרגינט נישט און דער צווייטער כאַפּט אַ דאָלער. וכן באיצטלא דרבנן.

אָבער נישט פאַרגינען בכללות איז דאָך אַנגענומען אַלס אומעטיש, גרויליג, און אַפילו שעדליך.

אין פּאַקט האָט קנאה שוין טויזנטער פאַרפעלער דערהאַרגט.

טעגליך הערט מען אין אמעריקא איבער לאוו-טרייענגל'ס - מענשטן וואס פארגינען נישט אנדערע וואס האבן זיך ליב.

ס'גייט זיי פשוט אין לעבן אז די אנדערע האט וואס זי וויל האבן, און האט נישט.

איז זי גרייט אפצוזיצן אין א סופער מעקס ביז ס'ווערט אים אזוי גרוי פון אינעווייניג, אזש די אמאליגער וועלט מיט אונזערע בארבארישע פארגייער האבן א שאול תחתית פון אזא תפיסה'ניק בזמן הזה, זיך וויסט נישט פארגעשטעלט.

און זיי זענען גרייט זיך צו נעמען ס'אייגן לעבן אויך דערפאר. אפגעמעקט ווערן פאר גוד, אבי יענעם דאס גליק צונעמען. ווייל יענע האט עפעס וואס זי וויל און קען נישט האבן.

ס'איז איר עפעס אנדערש נישט ווערד געגנוג אין לעבן.

און עפעס זאגן זיי. מכל מלמדי השכלתי. די מערדער פארציילן אונז מיט דעם, דאס אינערליכער גרויל פון אומפארגינען.

איין אזא ספעציפישער 'מדה' לאך, האט זיך ביי די ביישנים וגומלי חסדים אויך אריינגעכאפט. פונעם הצלה מאן ביזן פאנדרעיזער, פונעם ליעזאן ביזן קאונסלער, חזנים ווי חברא קדישא, עסקנים ווי תשמישי קדושה, פאלן אלע אייניג דורך דערמיט. ומה הוא זה ואיזהו, ווי עס פרעגט א נייגעריגער אחשוורוש זיין הונגעריגער מלכה.

דער גביר. דער עושר. דער נגיד. דער פילטי.

דעם גביר פון שטאט פארגינט מען נישט.

יונג און אלט, פרום און ליידיג, רייך ווי ארעם, מאן ווי טאטע, קוקן אויף דעם איינעם מוצלח און קענען עס נישט גרינג אראפשלינגען.

ערשטנס, איז דאס רעדן וועגן אים, וואס איז אין מייסטענס פעלער בארעדן, בלשון רבים. מיט וואס קען מען דען א צוווייטן בארעדן? אז ער זינדיגט? גנב'עט? לערנט נישט? זיינע קינדער זענען נישט צו דער זאך? ער קען נישט ציילן איינס מיט צוויי? א שוטה? זוכט כבוד? אז זיין לעבן איז קיין לעבן נישט? יא, פונקט אזוי, ממש. אט די אלע אויבנדערמאנטע און נאך, רעדט מען אויף דעם עושר. יעדער נעמט זיך זיין זאך אדער זאכן, וואס וואלטן אים אנידערגעקלאפט און פאראומגליקליכט, אזאנס וואס מ'וואונטש זיך נישט פאר קיין שום פרייז, און דאס זוכט מען צו טרעפן ביים עושר.

"ער דאך א דעפרעסטער מענטש".

"אה, ער האלט נישט ביי גארנישט".

איך האלט ביי עפעס.

אלזא איז וואס? האט ער נישט עפעס וואס איך האב, פונקט אזוי ווי איך האב נישט וואס ער האט. ברוך איך עס נישט - זיין פעקעלע.

פארוואס מוזט עטס זיין אייניג?

ווייל איך פארגין אים נישט, דאס איז די ענטפער.

ואכן מה נאמר? איך מוטשע, נו.

דא שטיי איך בהמה, קאקער, טאפל בן טאפל, ביק בן ריק, הבל ודיק, מוילמאכער, סטאק קלויבער, ביזנעס מבין, טעק גורו, ברוח מרה, און מעסט א פענסטער, פאר צוויי דאלער, א ציגעלע א ציגעלע, א קלעקערייי פון דאלערס, שווער געפאקט, פאר די פארשידענע פאראויסרוקנדע תקופות פון לעבנס באדערפענישן. אנגעשטרענגט, אויסגערעכנט, אנגעזארגט, אויסגעבעטן, זענען די פארביילויפנדע צייטן.

קויפן דעם הויז, דעם אנדערן הויז, דאס זוממער הויז, די חתונות, די קעמפס, ושנותם ראטעס, ערב שבת וואגעלעך, רעטייערמענט, רעשט אויף איבערצולאזן.

און ס'פאקט זיך נישט גרינג. שווערע אראפלאזונגען, צמצומים רבים בהשתלשלות וירידת המדרגות, נעמט דאס קלעקעריי.

פסקים פון אנדערן זייט טרייבל - א קליענט, אויף פארסאפעטע פרימארגן'ס, טרייבעריי, צעגערייי,

און שווערע פראבעס נשיאת חנינה ביי פריצישע אויגן.

אויף יעדעס ביסל נשיאת חן וואס מ'האט צו אפערן, לייגט מען האפענונג, זאל עס זיין ביז אן אבר חלילה - וואס זאל דעם יעניגן דערכאפן, צו קריגן 'די א.ג ביזנעס' - דאס ביסל, שטיקעלע, מזונות'ל פון א ביזנעס, איין'ס אין א פיש טאנק פון שארקלעך, וואס ווען מ'געבט שוין יא די ד דע דעם דעמן ביזנעס פליקט מען דיך אויס ווי א קארפ אונטער דער פישיגער האנט פון אן אונגערישן רעוותני נאך א לאנגע שלום עליכם, אויף א שפעטע פרייטאג צונאכטס.

בלוט גייט דעם פאץ, דעם יודע לשאול (ולא לשלם), ביז ער דערזעט זיך ערגעצוואו אויף א ליניע, א גראדער פינאנציעלן שטרעקע, וואו בטחון קען בכלל אנהייבן אינפילטרירן.

און דא גייט דער ארי, דער אומפארשעמטער, אומבארעכטיגטער, נידערטרעכטיגער, און מאכט ניינצן מיליאן דאלאר אונטער זיין נאז, זיין לאנגע, ראציגע, מידע, ערשעפטער נאז, וואס דארף דאס צוקוקן.

ניין ארי דו האסט נישט אלעס ארי!

קענסט האבן וויפיל הייזער דו ווילסט - און איך האב נישט, קענסט האבן וויפיל צייט דו ווילסט - און איך האב נישט, קענסט

האבן וויפיל געלט דו ווילסט - און איך האב נישט. דו ביסט א צופלויגענע מענטש! מ'קען נישט רעדן צו דיר געהעריג. ביסט נישט געהעריג. פארטיג. געהעריגע מענטשן האבן נישט קיין געלט, בערל.

פארשידענע זענען פארזארגט, ער טיילט נישט קיין פעני.

זיין רוחניות איז א שאנדע - באדערט דעם זויפערביים לייגען. (מחגגב סימן) 'מיין חבר געווען גארנישט באקומען', דערציילט דער זויפער ביים לייגען.

"א קארגע חזיר" מערקט א צווייטער אן, אויך מיט א פאלקס לעגענדע באגלייט. "איך ווייס פון אינסייד אינפארמאציע" זאגט דער דריטער - וואס האט ווארשיינליך אן אנדערער גאנג געגומען, מער בבחינת, If you can't fight em' join em'. ער 'דרייט זיך' ביי ארי. וואס געגוי מיינט זיך 'דרייען', וועל איך זאגן דעם סוד, ווי די פרשנים טוען אויפן חומש. דרייען מיינט פשוטו כמשמעו, מ'דרייט זיך ביי ארי. מ'טרעפט ערשט אויס א וועג, אדער וועגן, צו טרעפן ארי'ן, דערנאך דרייט מען זיך ארום אים ממש, זיין מויל, שול, און אויערן.

און ערגעצוואו מאכט זיך א געלעגנהייט צו ווערן א חלק אלוד' מתחת פון דעם אפגאט ארי.

באמת, יש דברים באיד.

ווי נישט ווי, דער אינגערמאן מיט א פלאן מוטשעט זיך צו האלטן צום פלאן. ער איז טאג און נאכט טרוד, מאכן דאס געלט, נישט צוואסערן דאס געלט, און מאכן נאך אויף מארגן. דער אינגערמאן אן א פלאן - ווייטער, אדער די ארויסגעפאלענע, וואס האבן יא דעם פלאן נאר קענען פשוט נישט נאכקומען, זענען נאך מער כאדאראם.

דער ארי, נאך אלעם, האט נישט די מענטשליכע פראבלעמען.

ער מוטשעט זיך נישט פאר דעם פארשאלטענעם דאלער, און דאס צוואסערן איז א לכתחילה. ער זוכט גאר וואו צו וואסערן. וואס נאך קען מען טון מיט צופיל געלט. נאך א הויז? האט שוין. נאך א קאר? האט שוין. נאך אן איידעם? פיין. נאך אן איידעם. א שול? בויעט א שול אויך. א פליגער? קויפט א פליגער אויך. ער ווערט אבער נישט פארטיג. צופיל פארבליבן. דארף ער אן ארבעטער זאל אים העלפן טיילן (לייען: טיילן) דאס געלט. און ער קויפט בנינים פאר מוסדות, נסיעות פאר אברכים, סעודות, מתנות, הענקות, אבי צו פטר'ן דעם טאלער.

איז דאס אויך א פלאן פאקטיש - זיך דרייען ארום ארי.

און ווער מיינסטו שטייט און כאפט ביי ארי'ן, די מאסן שטייען און כאפן. דער זויפער ביים לייגען, סטראקעס אנע ברודער, חברא קדישא און קאונסלער, געוועזענע חדר פריינט און בולי'ס, יעדער קלאפט אויף דער טיר. מ'לויפט אים נאך. מ'זוכט זיין ווייעך הארץ. ארי, ווען קען מען צוקומען. ארי כ'האניש. ר' אהרן איר האט א מינוט, ארי כ'דארף ביזנעס, ארי כ'גיי נאך געלט. ארי נעם מיך מיט. ווען נעמסטו מיך ארויס ארי.

און ארי וויל מען אליין זיין. די אנאטאמיע פון ארי שטודירט מען. אזא מזל און גורל פון וואנעט שטאמט. אז מ'קען יא אזאנס מצליח זיין, וויל מען עס פאר זיך. וואס דארף מען כאפן אז מ'קען טיילן. ס'גרינגער צו טיילן. זאל איך קלאפן אויף מיין אייגענעם טיר. און צו וואס דארף מען שוויצן פאר אן אלף, אז מ'קען פאר א מיליאן, למען השם. אין פאקט, איז א פרעכקייט פון דעם ארי'ן, אז ער צוטיילט זיך נישט מיט דעם געלט. ס'נישט זיינס, דער רבוש"ע געט עס אים, ווי מ'זעט קלאר, שלא כדרך הטבע.

אדער כאטש דאס, זאל דער גאנצער ארי נישט עקזיסטירן. מוחל די נדבות, מוחל דאס געלט, גם לי גם לך לא תהי'. דער גאנצער ארי שטייט אין וועג. אז מ'מוטשעט זיך אינאיינעם איז כאטש א צרת רבים. אבער היושר כזה עושר? איך שטיי און פלאן א וואקאציע און דער א טאג ארבעט. ער וואוינט דאך אין מיין געגנט, דאוונט אין מיין שול, ממש נעבן מיר, און אזא אונטערשייד. אוי לעניים שכך רואות.

טיילט ער נישט גענוג. זינדיגט, גנב'עט, לערנט נישט, פרעסט, שוואוילטאגט, קינדער נישט צו דער זאך, קען נישט ציילן צוויי, א שוטה, זוכט כבוד, חד גביר חד גדיא, ושחט לתורה, זיין לעבן איז קיין לעבן נישט.

צו פארגינען אדער נישט צו פארגינען, דאס איז די פראגע.

### פון די תגובות

„מי אני“ האט צוגעלייגט א שטיקל פילאזאפיע:

ווי ביי רוב, צי גאר אלע, מדות מגונות, איז למעשה אט דאס וואס בויט די וועלט דורכ'ן דרייוון דעם מענטש. ועפ"י ניטשע קען מען זאגן אז אט די סארט קנאה און אומפארגינערישקייט האט געפירט צום סאציאליסטישן אינסטיטושאן פון (עכ"פ פרובירן צו אנקומען צו) עקוואליטי, וועלכע איז אן ערך חשוב. (אזא סארט כעין קנאת סופרים תרבה חכמה בב"ב כב.) נאר מ'דארף דאס טאקע מאדיפיצירן צו מקנא זיין צו טאקע אנקומען אויך צו וואס דער עושר וכדומה האט, אבער פארשטיין אז זיך מתכבד זיין בקלונו, וואס יעדעס מענטש מוז האבן אין עפעס, מאכט אים למעשה נישט אנקומען צום ריכטיגן עקוואליטי צו וואס ער לעכצט. (וכמאמר החכם: "ווילסט האבן וואס יענער האט. ווילסט אויך נישט האבן וואס יענער האט נישט?")

[פארקירצט]

קאווע שטיבל • 14טן מאי 2024

---

א שמועס פון דער וואך

# די ניין טיפן מענטשן – וועלכער ביסטו?

א „טעסט“ טיילט די מענטשן איין אין ניין טיפן. איינער פרובירט, איינער לאכט, איינער ברענגט די ארבע מידות פון פרקי אבות – און איינער קומט ארויס יעדן טאג א צווייטער.

**פון קאצקע ציקער, הקטן, berlbalaguleh, moshav zekeinim און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „אניגראם די 9 טיפ מענטשן - וועלכע ביסטו?“ • 16טן יולי 2015 – 21סטן יולי 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9303.html

---

**קאצקע ציקער** • 16טן יולי 2015

די אניגראם. זייער אן אינטערסאנטער מהלך פון 9 טייפס וואס מענטשן זענען איינער איז א שטארקער, א באקוועמער, א צוגלאזענער וכו [פארקירצט]

**קאצקע ציקער** • 16טן יולי 2015

הקטן = איינזער
שמעקעדיג= זיבענער
געוואלדיג=פירער

**הקטן** • 16טן יולי 2015

וואס זאג דאס אויף שמעקעדיג? וואס פארא טייפ איז ער

דאס אז דו ראגירסט אזוי וואו זאגט דאס אויף דיך

לאז דיך אפ מען קען קיין מענטש נישט אריין לייגן אין א באקס.

**berlbalaguleh** • 16טן יולי 2015

קאצקע צוקער: פאר מיר איז גענוג די ארבע מידות באדם. וואס די משנה אין פרקי אבות ברענגט אראפ. די פסיכאלאגיע פון יאר '70 למספ' איז מיר פונקט גוט. ס'מוז נישט זיין פון יאר 2015... אויך. איך האלט אז די חכמי המשנה זענען נאך געווען אזאלכע גרויסע פסיכאלאגן ווי די גראדואירטע פון הארווארד אדער קאלאמביע...!

**קאצקע ציקער** • 16טן יולי 2015

ר' בערל דאנט ווארי ס'דא גענוג נאמבערס פאר דיר אויך...
גראדע די אניגראם איז בכלל נישט קיין גוישע זאך, האסט געהערט אמאל פון די עשר ספירות?? דאס איז די זעלבע אידוע, איך האב געליינט אמאל א בוק ווי איינער לייגט יעדע מידה צו דעם טייפ

אלוא ר' בערל נעמט אייך א טייפ געגאנגען!!

**רויטע וואנצעס** • 17טן יולי 2015

איך בין יעדן טאג א צווייטע פון אלע 9 טיפס. אנדערע וואלטן מיר מסתמא באטיטלט מיט "בארדערליין פירסענעליטי דיסארדער.

**berlbalaguleh** • 17טן יולי 2015

רויטע וואנצעס: ניין לויט דיין שרייבן דא אין קאווע שטיבל קען איך זאגן מיט א זיכערקייט אז דו ביסט נישט קיין בארדערליין פערסאנאליטי. אמת, מיין גאנצע מעדיציניש און פסיכאלאגישע וויסנשאפט קומט פון "המספיק מעגעזין" וואס איך באקום אויף פאסט. (נאכדעם וואס מיין לענדלארד און זיין רביצין האבן עס אדורכגעליינט... )...!

**רויטע וואנצעס** • 17טן יולי 2015

א זיבענער גאר... אזוי גוט מאך איך עס? יעדער וואס קען מיר וואלט מסתמא געזאגט איך בין אן אנדערע נאמבער. די איינציגסטע וואס וואלטן געהאלטן די זעלבע, איז לכאורה מיין ווייב און מיין טערעפיסט.

**berlbalaguleh** • 17טן יולי 2015

רויטע וואנצעס: דיין טעראפיסט נעמט מעדיקעיד...? ווייל איך זוך אויך א גוטן טעראפיסט. אויב נישט. קען איך צאלן מיט'ן פוד סטעמפס קארטל...!

נ.ב.: דער מצב איז נישט אזוי געפערליך ווי איך לייג עס אראפ. די ערשטע האביך יא. די צווייטע ב"ה נישט...!

**רויטע וואנצעס** • 17טן יולי 2015

ער פלעגט נעמען מעדיקעיד פון מיר, אבער ער האט געארבייט צו שווער פאר די מאגערע צאלונגען.

#צוריק צום נושא

**berlbalaguleh** • 18טן יולי 2015

אלוא ר' בערל נעמט אייך א טייפ געגאנגען!!

קאצקע ציקער: איך האב דיך געפאלגט און גענומען דעם טעסט. איך קום ארויס א זעקס...!

**הקטן** • 20סטן יולי 2015

זיי זעען אויך נאר וואס זיי ווילן זען
פרעג דאס ווייב שנה רשונה און פרעג 5 יאר נאך דער חתינה
האט זיך טאקע דער מאן אזויפיל געטוישט?
וואס דער מענטש זעט איז סובדשעקטיוו.
די אלע טעסט זענען אויף אזויפיל ווערט אז דער מענטש רעדט זיך איין אז ער איז א געדילדיגער האט ער געדילד

**געוואלדיג** • 20סטן יולי 2015

איך פארשטיי נישט, איך האב געליינט אפאר ביכער וועגן דעם און איך האב געזען אז יעדע טייפ האט מעלות און חסרונות, איך האב מעיין געוואן וועלעכע טייפ איך בין און איך פראביר צו אויסניצן מיינע מעלות ככל האפשר און ארבעטן אויף מיינע שוואכקייטן, גארנישט קאסטום לויט ווי איך האב געוואלט, ווייל איך האב גארנישט געוואלט ספעציפיש נאר געוואלט וויסן וואס איך בין עכט.

**קאצקע ציקער** • 21סטן יולי 2015

איך בין בכלל נישט אזוי מסכים וואס זיי זאגן ווייל דאס איז טאקע דער טעסט -וואס ווילסטו זיין- פון אזויפיל קשיות קען מען נישט פעיקן די זאך און ס'קימט ארויס די ריכטיגע נאמבער למעשה. און אז איינער וויל סתם שיסן תירוצים איז סתם א שאד די צייט צו מאכן דעם טעסט

און אז מען רעדט שוין, די אניגראם איז די בעסטע זאך פאר איינער וואס וויל זיך העלפן מיט זיין נפש, און נישט ספענדן די הויזן פאר טערעפיסטן, די אניגראם געט דיך א קלארע באריכט ווער דו ביסט "עכט" און וויזוי זיך אליינס צו העלפן.

**moshav zekeinim** • 21סטן יולי 2015

איך וועל עס פראבירן צו זאגן אין קורצן פון דעם ביסל וואס איך ווייס לויט מרים אדאהאן'ס בוך:

1 איז א זייגער מענטש. דער בעל מדות טובות וועט עס ניצן לטובת א צווייטן, ווי ערשיינען באצייטנס צום אפגעשמועסטן זמן אדער באצאלן א חוב באצייטנס, און לעומת זה דער בעת מדות רעות וועט עס ניצן צי סיקירן

יענעם מיט זיין רשעות'דיגער פונקטליכקייט.
2 איז א געבער, דער בעל מדות טובות וועט עס ניצן צו געבן ווען יענער דארף הילף, בעת דער בעל מדות רעות וועט פשוט אנארבעטן אז דו זאלסט שטענדיג זיין אנגעוויזן אויף אים.
3 איז "א שיינע איד", דער בעל מדות טובות וועט ניצן זיין פערסענאלעטי צו געבן א פלייצע פאר די נכאים, און דער בעל מדות רעות וועט רייטן מיט זיין חשיבות אויף די שוואכערע.
4איז א מענטש מיט הייקעלע געפילן. דער בעל מדות טובות וועט דורך דעם פארשטיין יענעם'ס געפילן און דער בעל מדות רעות וועט זיין פארנומען מיט זיינע אייגענע פילונגען און שפירונגען און עס איפברענגען כסדר נישט טראכטנדיג פון יענעם, און טרענדן יענעם'ס געהירן טאמער האסטו געגעבן א קראץ זיינע הרגישים.
5 א קאלטער לאגיק מענטש. דער בעל מדות טובות וועט עס ניצן פאר ניצליכע חשבונות און צו העלפן אנדערע מיט זיינע סקילס, און דער בעל מדות רעות וועט מיט א קאלטקייט אוועק מאכן בעלי רגש און מיט זיינע אייזענע סברות ברוטאל צובלאזן יענעם'ס שיטה.
6 איז א מענטש וואס וויל זיך פילן פארזיכערט. פאראן אזעלעכע מיט פאביע און פאראן אן פאביע. דער גוטער זייענדיג סענסעטיוו צו זיכערהייט וועט ארבעטן אויף א צווייטנס זיכערהייט (פון כבוד ביז געזונטהייט) ווי אויף זיינס, ווידער דער שלעכטער בעל מדות וועט אראפ ראומען פון וועג דעם פון וועם ער פילט זיך באדרויעט, (ווי הורדוס)

**moshav zekeinim** • 21סטן יולי 2015

7 איז א מענטש וואס דארף פרייהייט און ספעיס צו דער אפענער נאטור. דער גוטער בעל מדות וועט אכטונג געבן נישט צו צעשטערן יענעם'ס סדר מיט זיין פרייהייט טעדענס, און בנוסף וועט ער גאר געהויבן ווערן פון זיין נטיה צו נאטור (א בעל שם טוב), ווייטער דער שלעכטער בעל מדות וועט שטערן ארדענונג, און וועט ווערן א הפקר יונג און א שיכור.
8 איז א פשוטער טיראן און גבר אלים מיט א מעכטיגער כאראקטער. דער גוטער וועט עס ניצן צו פייטן קעגן שטארקע רשעים, און דער רשע וועט ווערן א הארטער טיראן און דאמינעטער עד הסוף.
9 איז א פאסיווער מענטש וואס איז קיינמאל נישט אומרואיג. דער גוטער וועט בארואיגן מענטשן אין צייטן וואס מענטשן דארפן חיזוק. און דער שלעכטער וועט לאזן לויפן און וואקסן פראבלעמען און זיך נישט וויסנדיג מאכן פון דעם ווי געשריי פון די געליטענע, און צו מאל וועט זיין "גוטער" נאטור ניטאמאל פארשטיין אז ער בעולה'ט איינעם.

פארשטייט זיך אז יעדער נומער האט א מיטלגאטיגער טעמפער, וואס איז נישט צו גוט און נישט צו שלעכט.

די נומערן זענען נישט אויסגעשטעלט איינס נאכן אנדערן במקרה. דאס איז מיט גרויס חכמה אויסגעשטעלט איינס נאכן אנדערן אויף אן אופן וואס יעדער נומער האט וואונדערליך א שייכות מיט זיינע צוויי שכינות'דיגע נומערן. למשל נומער איינס האט א שייכות מיט נומער ניין און מיט נומער צוויי, ד.ה. אז און צוגאב צו זיין עקסטרעמער פונקטליכקייט און ער אויכעט א היבשער נותן און א פאסיוויסט.

**קאצקע ציקער** • 21סטן יולי 2015

יעצט אפגעשריבן א לענגס און א ברייטס און ס'פארלוירן געגאנגען. דעם איט!!!

**moshav zekeinim** • 21סטן יולי 2015

טו אזוי דער רמ"א ווען ער האט געהערט אז דער בית יוסף האט אפגעשריבן דאס וואס ער האט געוואלט שרייבן. ער האט געמאכט הגהות דערויף.

וויסנשאפט • פסיכאלאגיע

# עקספערימענטן אויף דער מענטשליכער נפש

פון פרעה פסמתיך'ס צוויי קינדער ביי א פאסטוך ביז אש'ס ליניעס און מילגרעם'ס עלעקטרישע שאקס: ווי ווייט גייט א מענטש מיט דעם עולם און מיט דער אויטאריטעט?

פון **יעקב מעקסוועל, מי אני און אנדערע**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „אינטערעסאנטע עקספערימענטן און שטודיעס - פסיכילאגיע" • 22סטן יולי 2020 – 23סטן יולי 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14061.html

**יעקב מעקסוועל** • 22סטן יולי 2020

עקספערימענטן וואס ווערן געמאכט צו שטודירן די נפש פון דעם מענטש קענען זיין גאר אינטערעסאנט, אמאל זענען די רעזולטאטן ווי ערווארטעט, און אמאל פארקערט. אמאל איז עס זייער קאמפליצירט, אמאל זייער פשוט. איך גלייך זייער צו הערן אזעלכע שטודיעס, וועל איך פראבירן צו שרייבן דא אביסל, און יעדער איז וועלקאם זיך צו משתתף זיין.

פסיכילאגישע עקספערימענטן זענען געווענליך שווערער צו מאכן ווי עקספערימענטן אין אנדערע חלקים פון סייענס, עס פארלאנגט זיך ספעציעלע מצבים וואס קענען נישט אייביג ווערן אהערגעשטעלט, און אסאך מאל קען מען זיך נאר באנוצן מיט שטודירן ריעל לייף. טאקע דערפאר איז אסאך מאל דער גרעסטער חידוש וויאזוי דער עקספערימענט איז בכלל אויסגעשטעלט.

לאמיר אנהייבן.

דער ערשטער עקספערימענט אויף מענטשן וואס איז פארשריבן איז געמאכט געווארן אין מצרים, עס איז געווארן פארשריבן דורך דעם גריכישן היסטאריקער הערודאטוס, באקאנט אלס די "טאטע פון היסטאריע". ער שרייבט פון דעם עקספערימענט, ער האט געהערט די פרטים דערפון ווען ער איז געווען אין מעמפיס אין מצרים.

פסמתיך דער פרעה פון מצרים (אין די 7'טע יאר-הונדערט פאר דער ציילונג למספרם), האט געהאט אזא טעאריע: אונז מצריים זענען דאך די עלטסטע פאלק, מוז דאך אונזער שפראך זיין די עלטסטע שפראך. אויב אזוי איז דאס די נאטורליכע שפראך וואס ליגט אין א מענטש ווען ער ווערט געבוירן. ווען א קינד וואקסט אויף מיט אן אנדערע שפראך, לערנט ער זיך אויס די פרעמדע שפראך און ער קען מער נישט קיין מצריש. אבער אויב וואלט א קינד נישט געהערט קיין שום שפראך בכלל, וואלט ער געקענט מצריש, ווייל דאס איז דאך די שפראך פון נאטור אליין...

היינט וואלט מען גארנישט געקענט טון מיט דער הייפאטעטיס, אבער דער קעניג פון מצרים האט נישט געהאט קיין ליבעראלע באגרעניצונגען. האט ער באפוילן צו נעמען 2 קינדער ממשפחת העבדים גלייך פון געבורט, און מאכן זיכער אז זיי הערן נישט קיין שום לשון. די צוויי בעיבים זענען אפגעשיקט געווארן צו א פארשטופטע געגנט אין מצרים, און אריינגעלייגט געווארן אין א פארמאכטע הייזקעלע אונטער דער בעלות פון א פאסטוך. דער פאסטוך איז געווארן אנגעזאגט צו געבן עסן פאר די קינדער, פארזארגן אלע זייערע באדערפענישן, אבער ער זאל מאכן זיכער אז זיי הערן נישט קיין איין איינציג ווארט.

אזוי עס איז אנגעגאנגען פאר בערך צוויי יאר. איין טאג ווען דער פאסטוך איז געקומען זיי געבן עסן, האבן זיי אים ענטפאנגען מיט א בעבל "בעקאס!". זינט דאס ווארט האט גארנישט געמיינט פאר אים, האט ער עס איגנארירט. אבער ווען עס האט זיך איבערגעשפילט, האט ער געלאזט וויסן פאר דעם קעניג די אנטוויקלונג. פסמתיך האט זיי געלאזט רופן, ווילנדיג אליין הערן די בעבלעריי. ווען ער האט געהערט "בעקאס", האט ער זיך אינטערעסירט וואס דאס קען מיינען, איז ער געווארן געוואר אז בעקאס מיינט ברויט אין פריגיש.

אלזא, דער רעזולטאט פון דעם עקספערימענט איז - צו דער אנטוישונג פון פסמתיך - די "פריגים" זענען די עלטסטע פאלק אויף דער וועלט...

חוץ דעם היסטארישן ווערט פון דעם עפיזאד, פארוואס איז מיר די שטודיע ספעציעל אינטערעסאנט? ווייל ווען איך בין געווען א קינד האב איך געהערט די זעלבע זאך אויף לשון קודש, און עס וואלט מיר נישט איינגעפאלן אז מענטשן וואס זענען אזוי ווייט אין מקום און צייט און קולטור, קענען טראכטן ממש די זעלבע שטותים. אונז ווייסן גארנישט ווי שטארק מענטשן זענען די זעלבע איינער צום צווייטן.

**מי אני** • 22סטן יולי 2020

עס איז אינטרעסאנט צו באמערקן אז דר. נועם טשאמסקי האט זיין באקאנטע טעזע אין לינגוויסטיקס, אז עס איז דא אן אוניווערסאלע גרעמער וואס איז אינעיטלי מושרש אין יעדעס מענטש: די סאמע לינגוויסטיק יסודות פאר "שפראך" בכלל.

**יעקב מעקסוועל** • 23סטן יולי 2020

א גוטע ווידיאו @ונבנתה העיר. דאס גייט אריין אין סאושעל סייקאלעזשי, די צווייג פון פסיכילאגיע וואס האט לכאורה פראדוצירט די מערסט אינטערעסאנטע עקספירימענטן. איך וועל דא ברענגען די שטודיע וואס איז לכאורה די ערשטע אין דעם ענין פון קאנפארמעטי.

סאלאמאן אש, (געבוירן צו אידישע משפחה אין פוילן, זיין משפחה האט אימיגרירט קיין אמעריקע אין 1920 ווען ער איז געווען 13 יאר אלט). ער האט געמאכט אזא עקספירימענט אלס פראפעסאר אין די 50'ער יארן:

מען האט אריינגערופן א סטודענט וואלונטיר צום עקספירימענט (פלוני), דארט איז געווען נאך 5 סטודענטן, פלוני האט געמיינט אז זיי אלע זענען געקומען צום עקספירימענט פונקט ווי אים. דער פראפעסאר לייגט פאר א קארטל מיט א ליניע דערויף, דערנאך ווייזט ער נאך א קארטל מיט 3 ליניעס, און ער פרעגט יעדעם וועלכע פון די 3 זענען די זעלבע ווי די ליניע אויף דעם ערשטן קארטל. די ערשטע מאל זאגט יעדער 2 (די ריכטיגע תשובה), און ווען ער קומט אן צו פלוני זאגט ער אוודאי אויך די ריכטיגע תשובה. נאכדעם טוישט דער פראפעסאר די קארטלעך, און יעצט זאגט יעדער 1 (די נישט ריכטיגע תשובה) ווי אפגעמאכט פון פריער.

מען קען זען אויף פלוני, ווי ער ווערט מער און מער אומבאקוועם יעדע מאל ווען איינער זאגט 1 מיט א פעסטקייט. ער דרוקט זיינע אויגן, קוקט דעם וועג און יענעם וועג, ווען עס געקומען פלוני'ס רייע צו געבן זיין ענטפער, זענען 37% פון די פלוני'ס מיטגעגאנגען מיט דעם ציבור און געגעבן די ענטפער וואס איז נישט ריכטיג.

צוויי נקודות וואס די שטודיע ווייזט (און אסאך שפעטערע שטודיעס). איב זעט א מענטש די דעת הקהל איז אנדערש ווי זיין אייגענע מיינונג, ווערט ער מסופק אין זיין מיינונג, אפילו ווען די פאקטן ליגן אין פארנט פון זיינע אויגן! און אפילו ווען ער ווערט נישט מסופק, קען ער נאכאלס מחליט זיין צו מיטגיין מיט דעם עולם צו נישט זיין קיין יוצא מן הכלל.

**מי אני** • 23סטן יולי 2020

מענין לענין באותו ענין אין דעם געביט פון קאנפארמיטי איז דא די באקאנטע מילגרעם עקספערימענט. דער עקספערימענטירער האט געהאט געמאכט א "גורל" צווישן אן אקטיאר [קאנפעדערעט מיט אים] מיט דעם סאבדזשעקט וואס מ'וויל טעסטן (דער סאבדזשעקט האט נישט געוואוסט אז יענער איז אן אקטיאר און א חלק פונעם עקספערימענט) ווער ס'גייט זיין דער מלמד און ווער דער תלמיד. ס'איז אלס "אויסגעקומען" אז דער סאבדזשעקט זאל זיין דער מלמד. דערנאך האט מען אראפגעזעצט דעם אקטיאר אין א בענקל צוגעטשעפעט צו א מאשין. און זיי געהייסן גיבן א טעסט פאר די מענטשן. אויב האבן זיי נישט געענטפערט די ריכטיגע תשובה, האט מען געהייסן פאר די מענטשן וועמען מען האט אריינגערופן צו דרוקן א קנעפל וואס גייט (אנגעבליך) גיבן א שאק פאר דעם מענטש וואס זיצט און האט נישט געענטפערט ריכטיג. ביים נעקסטן מאל האט מען (אנגעבליך) ארויפגערוקט די וואטעדזש מער און מער אא"וו.

רוב פון די סטודענטן וועמען מען האט אדורכגעפירט דעם עקספערימענט אויף האבן געדרוקט דעם קנעפל נאכאמאל און נאכאמאל ביזן העכסטן גראד, מיט 4 אדער ווינציגער פשוטע באפעל פונעם עקספערימענטירער אז "דאס דארפסטו טון" וכדומה. דאס איז געווען אפילו ווען די אקטיארן האבן (זיך געמאכט) געשריגן פאר יסורים, אפילו ווען מען האט ארויפגערוקט די וואטעדזש צו גאר מסוכנ'דיגע הויכקייטן, אפילו ווען מ'האט פון פאר דעם געגעבן א שאק פאר'ן סאבדזשעקט אז ער זאל פילן וויאזוי עס "גייט פילן" פאר'ן תלמיד, און אפילו ווען דער תלמיד האט געשריגן אז ער האט א הארץ פראבלעם.

**רביה"ק זי"ע** • 23סטן יולי 2020

דער סטאנפארד עקספערימענט איז געווען סטעידשד, מ'האט אפילו פארשיקט און ערזעצט אפאר "וועכטער" וואס האבן זיך אויפגעפירט צו שיין צו די "ארעסטאנטן".

**יעקב מעקסוועל** • 23סטן יולי 2020

דער עקספירימענט וואס „מי אני" ברענגט איז אויך גאר וויכטיג פאר אונזער געמיינדע. דארט איז נישט דער ענין קאנפארמיטי, עס איז נאר געווען איינער צו טון די מעשה (דער טעסט סאבזשעקט), עס איז דער ענין פון

פאלגזאמקייט. פון דארט זעט מען ווי ווייט מענטשן פאלגן איינער וואס איז אין א פאזיצע פון אויטאריטעט.

פאר דעם סאבושעקט האט אויסגעזען ווי ער פייניגט א מענטש. קיינער האט אים נישט געצווינגען צו גיין ווייטער, עס איז נישט געווען קיין שום קאנסעקווענס פאר ווער עס גייט ארויס אינמיטן דעם עקספירימענט, עס איז נאר געווען א יונגע פראפעסאר וואס האט אים געזאגט, "ביטע גיי ווייטער", "דער עקספירימענט פארלאנגט דו זאלסט ממשיך זיין", וכדומה. און מיט בלויז די ווערטער האט ער ממשיך געווען בשעת ער האט געהערט קולות "איך קען נישט אויסהאלטן די ווייטאג!", "לאזט מיר ארויס פון דא", וכדומה. אפילו ווען דער מענטש איז געווארן שטיל, און מען וואלט געקענט מיינען אז ער האט געכאפט א הארץ אטאקע, האט ער ממשיך געווען צו געבן די שאקס.

עס דארף ווערן ארויסגעברענגט אז די אלע מענטשן אין דעם עקספירימענט זענען געווארן אונטערגעזוכט צו מאכן זיכער אז זיי זענען מענטעלי סטאביל, און דאך האבן 63% געטון די ארבעט עד הסוף. זיי זענען נישט געווען קיין סאדיסטן, אסאך פון זיי האבן געשוויצט, געציטערט דער גוף, און זיך געביסן די ליפן, בשעת זיי האבן געפאלגט ווי שעפעלעך.

נאך אן אינטערעסאנטע קרישקעלע איבער דעם. מילגרעם האט אויסגעפרעגט פסיכיאלאגן, דאקטוירעם, און סתם מענטשן, וואס וואלטן זיי געטון אין אזא מצב. יעדער איינער האט געזאגט איינמאל דער מענטש שרייט ער וויל ארויס, וואלטן זיי אויפגעהערט. אויך האט ער אויסגעפרעגט מענטשן ווען מען דארף אויפהערן דעם עקספירימענט, די רעספאנס איז געווען די זעלבע, ווען דער מענטש שרייט ער וויל ארויס. דאס מיינט אז אויב טראכסטו דו "וואלסט אויפגעהערט די עקספירימענט אינמיטן, אדער אז מען "דארף" אויפהערן דעם עקספירימענט אינמיטן, איז עס נישט קיין שום ראי' אויף וואס דו וואלסט געטון למעשה. (א פחד...)

**מי אני** • 23סטן יולי 2020

איה"נ. ווענגן דעם האב איך טאקע געשריבן אז ס'איז "מענין לענין". אזויפיל יא איז עס דאך "באותו ענין" ווייל עס ווערט ארייננגערעכנט, ווי נישט, אינעם פעלד פון קאנפארמיטי - טאקע נישט ממש צו חברותא נאר צו אטאריטעט.

וויקיפידיע ברענגט אראפ אז מילגרעם אליין האט געהאט א טעאריע פון קאנפארמיטי אלס די סיבה דערצו.

זאת ועוד, ווען מ'האט נאכגעמאכט דעם עקספערימענט וואו דער סאבדזשעקט האט געזען אנדערע (סאבדזשעקטס צו קאנפעדערעטס) נישט פאלגן איז זייער פאלגזאמקייט אויך דראסטיש געפאלן, משא"כ ווען זיי האבן צוגעזען אנדערע פאלגן; אויך בסוגיית קאנפארמיטי.

---

היסטאריע

# די אידן און פסיכאלאגיע: פרויד

דער ערשטער פרק פון א סעריע ווענגן אידן וואס האבן געבוים די פסיכאלאגיע: זיגמונד פרויד, זיין שיטה, זיין אידישקייט – און א באזוך פונעם רש"ב אין וויען.

פון **שאלתיאל**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „די אידן און פסיכאלאגיע" • 14טן יולי 2022
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15407.html

---

## אריינפיר

א באקאנטע פאלקס ווערטל לויטעט אז פינף אידן האבן פארמורלירט די כללים פון דער מענטשליכער געזעלשאפט "משה האט געזאגט אז די תורה איז אלעס. ישו האט געזאגט אז ליבשאפט איז אלעס. מארקס האט געזאגט אז געלט איז אלעס. פרויד האט געזאגט אז סעקס איז אלעס. און איינשטיין האט געזאגט אז אלעס איז רעלאטיוו". לייגענדיג דעם געלעכטער אין א זייט קען מען נוצן דעם קלישע "אסאך פעדערן זענען שוין צעבראכן געווארן און אסאך טינט אויסגעגאסן " אויף דער מערקווירדיגער פראגע פון דעם אידישן 'געניוס'. דער פאקט אז אידן צייכענען זיך אויס אין אזויפיל פעלדער אין זייערע איינפלוס איז טויזנט מאל מער אין פראפארציע צו זייער פיצי' פראצענט אין דער באפעלקערונג. אין וועלכע פעלד מען נייגט נאר דעם

בליק באגעגנט מען די אידישע פינגערפרינטס, זאל עס זיין פילאסאפיע ( לעווינאס, פאפער, לודוויגשטיין, אראנדט, קארל מארקס, בערלין, רוזנצוויג, הארבערט מארקאוז די פראנקפורטע חבורה ) ליטעראטור און פאעטרי (קאפקא, היינע, פראוסט, שלום עליכם, יצחק באשעוויס זינגער, אלי וויזל, דזשאסף העלער) דיפלאמאטיע און פאליטיק (ד'יזראעלי, הערצל, טראצקי, קיסינדזשער, אלברייט) סייענס (איינשטיין, סילארד, אפענהיימער פרענקלין און דער מאנהעטן פראיעקט) טעכנאלאגיע און הייטעק ( לארי פעידזש און סערגיי ברין, מארק צוקערבערג, יאן קים ) ביזנעסלייט און עשירים (ראטשילד פאמיליע, העלענא רובינשטיין, אסתי לאודער, שלדאון עדלסאן, ספרא פאמיליע, דזשארזש סאראס) קאמידיען ( עימי שומער, דזשאן סטאיארט, לארי דייוויד און דזשערי סיינפעלד) ווייטער האבן מיר קארל לאנדשטיינער, פאול ארליך, יונה סאלק, זיגמונד מארקוס, פעליקס מענדעלסאן, הארי האדיני, זיגמונד פרויד, פריץ האבער, אמאמדו מודיאליאני, מארק שאגאל, נועם חאמסקי, דניאל כנהמן, יובל נוח הררי, ליזה מייטנער, און דב מורן. פון אטאם ביז גוגל, פון USB ביז כימאטעראפיע, פון אטאמאביל ביז סנאפטשאט, וואצאפ, גוגל, וועיז, כעמישע וואפן, פילן און שחמט. פון ציוניזם ביז מארקסיזם, סאציאליזם און קאמיניזם און כ'שטעל מיך דא אפ פאר איך פיל אן עטליכע בלעטער מיט אידישע טעאריעס, ערפינדונגען און אינפלוסרייכע פיגורין פון אידישן אפשטאם.

[פארקירצט]

ווען מען ליינט, שטודירט אדער מען טוט אין פסיכאלאגיע שטייט מען געפלעפט אנטקעגן דער סיטואציע וואס שפילט זיך איבער נאכאנאנד. א ריזיג טייל פון טעאריעס, שיטות, און עקספערימענטן גייען צו בערך אזוי " שמערל האט געטראפן בערל און האבן פאבריצירט א טעאריע. שפעטער זענען געקומען זייערע תלמידים זרח און ברוך און פארברייטערט די טעאריע אדער זיך געקריגט דערויף און זיך ארומגעאמפערט צווישן זיך''. דער שילדערונג איז אביסל איבערגעטריבן אבער דער באשטייערונג פון אידן צו פסיכאלאגיע איז פרעצעדענטלאז און גענצליך פראפארציעלאז. צום ביישפיל, אין 2002 האט דער American Psychological Association פובליצירט א ברייטע אנקעטע איבער די הונדערט מערסט איינפלוסרייכע פסיכאלאגן פונעם 20'טע סענטערי. 38 דערפון זענען אידן. אין פאקט האבן די דייטשן אנגערופן פסיכאלאגיע אלץ דער ''אידישע סייענס'' און האבן דערפאר פאברענט פרויד'ס ביכער ווי מיר וועלן זען שפעטער.

די קומענדיגע סעריע ארטיקלען איז איבער פסיכאלאגיע און איבער די אידעלעך וועלכע האבן איר בייגעשטייערט אירע מערסט פרעסטזשפולע טעאריעס, מעטאדן און עקספערימענטן. מיר וועלן דורכשפרייזן בשבילי הפסיכאלאגיע און ווען מיר וועלן באגעגנען די אידעלאך וועלן מיר זיך באקענען אביסל מיט זייער ביגראפיע און זייערע באשטייערונגען צו דער אנטוויקלונג פון דעם פסיכאלאגישן פעלד.

## פרויד און פסיכאנאליזע

אנהייב די 19'טע יאר הונדערט ווען פסיכאלאגיע האט אנגעהויבן שטעלן אירע ערשטע טריט און באקומען איר אנערקענונג אלץ א נייע באזונדערע פעלד אין סייענס איז דער שיטה און צוגאנג וואס האט שטארק געוועלטיגט (בעיקר אין אייראפע) געווען דער ''פסיכאנאליזע'. דער גרינדער פון דער שיטה איז געווען דער בארימטע עסטרייכישע- אידישער נויראלאג און פסיכאלאג ד"ר זיגמונד שלמה פרויד (1856-1939) פרויד א זון צו א אידישע סוחרים פאמיליע ווערט פארעכנט ביז היינט צוטאגס אלץ ''דער פאטער פון פסיכאלאגיע''. ער איז געווען דער טעארעטיקאן פון דער רעוואלוציאנערישער פסיכאדינאמישער טעאריע וועלכע האט געשאקעלט א וועלט און איבערגעלאזט א מעכטיגן איינדרוק אויף דער מערב קולטור. פסיכאנאליזע רעכנט אריין א פסיכאלאגישע טעאריע, און א פסיכאטעראפישע טעראפי מעטאד. אין אלגעמיינע אויבערפלעכליכע שטריכן לויטעט דער טעאריע אז דער זעלבסט דערקלערטע ''ראציאנאליסטישע'' מענטש איז אינאמת'ן קאנטראלירט און מאטאוואציאנירט דורך חיה'שע אינסטינקטן און דורך קאנפליקטן וועלכע האבן זיך ערוואורבן אין די גאר אינגע יארן און האבן זיך קווארטירט אין דעם ''סאב- קאנטשענס'', פון דארט מאנעווירן זיי דעם מענטש. דער מענטשליכע זעל איז ווי אן אומבאוויסטזיניגע שלאכטפעלד ווי עס אמפערן זיך דעם מענטשן'ס נאטורליכע אינסטינקטן און די מאראלישע באגרעניצונגען פון דער סאסייעטי, דער מענטש איז א קרבן פון דעם שלאכטפעלד. סאב-קאנטשענס''' איז איינס פון די פולע מושגים פון פרויד'ס טעאריעס וועלכע זענען באקאנט פאר יעדן. ווי פרויד אליין האט געטענה'ט, דריי אויפדעקונגען אין לויף פון היסטאריע האבן מצליח געווען צו אויפשאקלען די מענטשהייט און באיינדרוקן זייער קולטור ערשטנס איז דער אויפדעקונג פון קאפערניקאס אז דער ערד קוגל איז נישט דער צענטער פון דעם יוניווערס נאר איינס פון עטליכע פלאנעטן וועלכע דרייען זיך ארום דעם זין. צווייטנס איז דער אויפדעקונג פון טשארלס דארווין אז דער מענטש איז נישט קיין ספעציעלע מין נאר איז איינער פון די באשעפענישן וועלכע האבן זיך אנטוויקלט פון פריערדיגע בעלי חיים אין לויף פון די יארן, און דריטנס דער אויפדעקונג פון פרויד זעלבסט אז דער מענטש איז נישט באלעבאס אויף זיך נאר איז א רעזולטאט פון זיינע אינערליכע שוואכקייטן.

פרויד האט אנטוויקלט זיין טעאריע צוזאמען מיט זיין אידישן פריינד דער עסטרייכישע נוירא-פיזיאלאג ד"ר יוזף ברויער דערנאך וואס זיי האבן באהאנדלט א ספעציפישע פאציענטין מיטן

נאמען אנה או, וועלכע איז געווען דער צונאמען פון דעם אידישן מיידל בערטא פאפענהיים, פאפענהיים איז לכאורה דער מעסט באוויסטע פאציענט אין היסטאריע פון פסיכאלאגיע. זי איז צוליב דעם געווארן בארימט און איז געווארן שפעטער א פעמיניסטישע אקטיוויסטיקע.

פרויד'ס טעאריע און מעטאד איז אין אנהייב אנגענומען געווארן מיט גרויס פארדאכט סלעש פאראכטונג אבער צוביסלעך איז עס אריין אין דער קאנצענזוס און גענאסן פון שטארקע פאפולאריטעט. אבער אין היינטיגן אמפירציסטישע סייענטיסטישע סארט צוגאנג וועלכע הערשט אין דער פסיכאלאגישער וועלט איז איר גלאנץ היבש אראפ ווארום זיין טעאריע און טעראפי מעטאד איז קיין סייענטיסטישע, שטייט נישט אויס קיין עקספערימענטן און קען נישט ווערן אפגעפרעגט. עס איז געבויעט בעיקר אויף פרויד עקספיריענס, השערות און זעלבסט פארשונג. דער דאזיגער צוגאנג צו דער פסיכאנאליזע האבן געפירט די צוויי אידישע פילאסאפן פון סייענס קארל פופער און אדאלף גרינבאום און איז אנגענומען היינט צוטאגס. דאס פארמינערט נישט אבער כהוא זה פון זיין ברייטע מאגישע איינפלוס וואס זיין טעאריע האט געהאט סיי אויף פסיכאלאגיע און בכלל אויף דער אויפגעקלערטער מערב וועלט קולטור. פינגער אפדרוקן פון פרויד'ס טעאריע קען מען טרעפן אין סאציאלאגיע, אנטראפאלאגיע, פילאסאפיע, פאעזיע, און ליטעראטור. נישט בחינם ווערט ער פארעכנט אלץ איינער פון די מערסט איינפלוסרייכע וויסענשאפטליכע און אינטעלעקטואלן פון דער 20 יאר הונדערט צוזאמען מיט אנדערע אידן ווי איינשטיין.

פרויד באציאונגען מיט זיין אידישן אידענטיטעט איז געווען אמבילעוואנט. פון דעם רעליגיעזן שטאנדפונקט איז ער געווען אן אויסגערופענע אטעאיסט וועלכע האט געהאלטן אז רעליגע איז א ''קאלעקטיווע נויראזע''. זיין ווייב וועלכע האט געשטאמט פון א רבני'שע משפחה האט ער נישט געלאזט צינדן לעכט און געצווינגען צו עסן חזיר פלייש. שוין אפגערעדט פון זיין קאנטערווערסיאלע סלעש קאריאזע בוך איבער משה רבינו ווי ער צעהאקט און צושטיקלט דאס מערסטע הייליגסטע פאר גלויביגע אידן. פון דער אנדערער זייט אבער האט ער נישט אויפגעגעבן אויף זיין אידישן אידענטיטעט און נאציאנאליטעט און זיך געהאלטן שטאלץ דערמיט ביי יעדן געלעגנהייט. אנדערש ווי אנדערע געלערנטע אין זיין צייט האט ער זיך נישט אסימולירט נאר געבליבן א איד ווי ער שרייבט איינפאך אין זיין אטאביאגראפיע..'' מיינע עלטערן זענען געווען אידן, איך בין געליבן א איד''. זיין שטארקע הערצה צום אידישן פאעט דער מומר היינריך היינה און צום אידישן פילוסוף ברוך שפינוזה האט אויסגעדרוקט זיין באלאנגונג צום נייעם סארט איד וועלכע האט זיך געזען אלץ א איד נישט מכוח זיין רעליגיעזע אמונה אין גאט נאר מכוח דער נאציאנאלע אידישע קולטור און דער היסטארישע געמיינזאמע שיקזאל פונעם אידישן פאלק.

אינטערסאנט: פון דעם טאגבוך פון דעם לעצטן ליובאוויטשער רבי'ן איז מען געוואור געווארן אז דער רבי ר' שלום בער דער 'רש"ב' האט באזוכט פרויד אין וויען און 1903 ווען ער האט געליטן פון דעפרעסיע און איז באהאנדלט געווארן דורך אים. דער רש"ב איז ווארשיינליך אויך באהאנדעלט געווארן דורך אן אנדערן אידישע פסיכאלאג ד"ר ווילהעלם שטעקל פון פרויד'ס תלמידים.

אינטערסאנט: טראץ די קאנפליקט לכאורה צווישן פסיכאנאליזע און אידישקייט זענען דא מאנכע וועלכע ציען א פארלעל צווישן פארשידענע מאטיוון פון פרויד'ס פסיכאנאליזע צו קבלה און חסידות ווי למשל צווישן דעם סעקסואלן אינסטינקט צו דער נפש הבהמית פון דעם בעל התניא. דער אידישער שרייבער און דזשורנאליסט נארמאן לעברעכט טענה'ט אז די ווארצלען פון די זעקס הויפט מאטיוון אין פרויד'ס טעאריע טרעפט מען אין מקרא, תלמוד און אין די אידישע ספרים.

פרויד האט צוזאמענגעקליבן ארום זיך א גרופע געקליבענע תלמידים וועמען ער האט געלערנט זיין שיטה און האט זיי קוואליציפירט. טייל פון זיי האבן פאברייטערט זיין טעאריע, טייל האבן זיך געקריגט דערויף. כמעט אלע פון זיי זענען געווען אידן. דער איינציגסטע גוי אין דער חבורה איז געווען קארל יונג. אין א בריוו צו איינער פון די תלמידים האט פרויד זיך אויסגעדרוקט מיט צופרידנהייט איבער דעם הצטרפות פון יאנג צו זיין חבורה האפענדיג אז דאס וועט אים געבן דעם אזוי געגארטן שטעמפל פון כשרות פאר דער אלגעמיינער גאס. איבער זיינע תלמידים און זייער באשטייערונגען צו דער אנטוויקלונג פון פסיכאלאגיע וועלן מיר זען קומענדיגע ארטיקל.

## די ציפערן

אין א הערה צום ארטיקל ברענגט דער שרייבער:

צו באקומען א שטיקל בליק אויף דעם ערשיינונג באקענט אייך מיט די פאלגענדע ציפערן: די אידן זענען היינט צוטאגס 0.2% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג און 22% פון די נאבעל פרייז חתנים זענען אידן, 25% פון די געווינער פון די פרעסטושפולע ACM Turing פרייז פאר קאמפיוטער סייענס זענען אידן. און 11% פון פארבס מיליארדערן ליסטע זענען אידן. אין אמעריקע איז עס שטארק מערבאר, די אידן דארט זענען פונקט 2% פון דער באפעלקערונג און פארט ציילן זיי 10% פון די סענאט מעמבערס, 23% פון די 500 רייכסטע מענטשן אין אמעריקע, 60% פון צווישן די הויעכראנגיקע פאזיציעס אין האליוואד, 26% פון די Law פראפעסארן, 27% פון די נאבעל פרייז געווינער און 60% פון די סטודענטן פאר פארגעשריטענע דעגריס אין דער פרעסטושפולער YALE אוניווערסיטי.

„שאלתיאל" • קאווע שטיבל • 14טן יולי 2022

---

**איבערלעבונגען • א זעלבסט־פארטרעט**

# ווער בין איך?

א שרייבער וויל זיך פארשטעלן פאר די ליינער: ער באשרייבט זיין בארד, זיין קאווע און זיינע מידות – און קומט צו דער פראגע וואס ער קען נישט ענטפערן.

פון **לולקע-ציבער און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „ווער בין איך?" • 31סטן יאנואר 2013 – 28סטן פעברואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2850.html

---

**לולקע-ציבער** • 31סטן יאנואר 2013

שלום עליכם! דאס בין איך, לולקע-ציבער. לאמיר זיך באקענען. פאר איר נעמט זיך רעדן וועגן זיך, וואלט געווען יושר אז איך זאל זיך קודם פארשטעלן. (נאך אלעם, בין איך דאך דער וואס האט אייך געגעבן דעם "שלום עליכם", נישט פארקערט!)

איך, לולקע-ציבער, בין א מענטש. אבער "מענטש" אליין זאגט דאך גארנישט -- עס זענען דאך פאראן א זעקס ביליאן פון דעם מין. אקעי, געררעכט: איך בין א איד. נאך אלץ נישט גענוג. איר זענט ווייטער גערעכט: איך בין א חסידישער איד. אבער דאס איז נאך אלץ נישט גענוג.

"מענטש-איד-חסידישער איד" -- דאס איז נאך אלץ א שם הכולל פאר לכה"פ טויזנטער מענטשן. איר ווילט דאך וויסן ווער "איך" בין. וועל איך אייך זאגן: איך בין א חסידישער איד וואס באלאנגט צו יענעם-און-יענעם קרייז (נישט די זייט -- איך בין פון דעם אנדערן צד). איך בין מיטלמעסיג אין הויך און וואג. כ'האב טונקעלע האר און עטוואס-טונקעלע הויט. כ'טראג קאנטעקט-לענסעס. (גלעזער גייען אויף די נערוון.) מיין בארד איז אביסל ארייגעדרייט. (זי איז לעולם לענגער ווי זי זעט אויס.) איך טראג א ווייס העמד (רעכטס אויף לינקס) און א פאר שווארצע הויזן. (ס'איז נישט מיין סוט הויזן -- יענע ניץ איך נאר פאר שמחות און אנדערע אזעלכע ספעציעלע געלעגנהייטן.)

בטבע בין איך א שעמעוודיגער, א שטיקל כעסן, נישט קיין שלעכטער -- הגם אויך נישט קיין מורא'דיג-פיינהארציגער. איך גלייך סטייק (מיט פאטעיטא סאלאט צו דער זייט). בדיעבד קען איך פארדייען א גוט שטיקל מילכיגס אויך. איך האב ליב שווארצע קאווע. טיי איז נאר על כל צרה שלא תבוא, אין פאל פון א פארקילאכטס. איך בין א "פען" פון ליפא. מיכאל איז נישט שלעכט. מרדכי איז גאר גוט! איך בין א "מעטס פען". (וואס איז די גדולה מיט די "יענקיס"?)

פאר פרנסה טו איך אין אינשורענס. (מיין ספעציאליטעט איז לייף אינשורענס, אבער איך טו אויך אינוועסטמענטס און אביסל קאמערשאל אינשורענס, דא און דארט.) איך בין אן אישורענס אגענט. כ'האב א שטיקל שותף, אבער יענער טוט בעיקר די אפיס ארבעט. איך בין מער אויפ'ן ראוד.

אבער, איך פארשטיי אז איר זענט נישט צופרידן פון מיין מענה לשון אין די לעצטע דריי פאראגראפן. איר פרובירט דאך צו פארשטיין ווער איך בין. דערוויל האב איך אייך נאר געזאגט וויאזוי איך זע אויס, וואס איך טו, וואספארא בגדים איך טראג; כ'האב אייך דערציילט וועגן מיין עסן-געשמאק און עטליכע פון מיינע נטיות. אבער די אלע זאכן זענען צוגאבן און צוגעהערן וועגן מיר. ווער בין אבער איך אליין? די פראגע שטייט דערוויל אוןווארט אויף אן ענטפער.

דעם אמת געזאגט, בין איך אליין נישט קלאר אין דעם. איר זענט נישט דער ערשטער וואס שטעלט מיר די פראגע, ווער איך בין. איך אליין האב שוין א שיין-ביסל געטראכט דערוועגן. דערוויל אבער בין איך נישט זיכער אז איך האב א קלארן ענטפער, אפילו פאר זיך אליין.

אמאל האב איך געמיינט אז איך בין -- פשוט איך: מיין גוף, מיין מוח, מיינע געפילן, מיינע זכרונות, און נאך אזעלכע זאכן און אייגנשאפטן. פאר א לאנגער צייט האב איך זיך אזוי ארומגעדרייט זיכער און קלאר. ווען איך האב אבער אנגעהויבן אריינטראכטן אביסל טיפער, האב איך איינגעזען אז ס'איז נישט אזוי פשוט. און איך וועל אייך מסביר זיין פארוואס ס'איז מער קאמפליצירט ווי עס זעט אויבנאויף אויס.

מיין גוף, וואס זעט טאקע אויס ווי איין גרויסער "שטיק", איז באמת צוזאמגעשטעלט פון צעלן, טריליאנען צעלן. די צעלן האלטן אין איין אפשטארבן און נייע ווערן געבוירן אויף זייער פלאץ. ווען א צעל שטארבט, מיינט עס אין אנדערע ווערטער אז יענער טייל גוף איז געשטארבן. ווען זיין פלאץ ווערט ערפילט מיט א נייעם צעל, מיינט עס דאך אז יענער חלק גוף איז יעצט פריש געבוירן געווארן. צעלן האלטן אין איין שטארבן און געבוירן ווערן דורכאויס דעם גאנצן לעבן פון א מענטש. עס געדויערט ארום 10 יאר ביז אלע צעלן פונעם גאנצן גוף ווערן ערזעצט מיט נייע צעלן. דאס הייסט, אז יעדע צען יאר טרעף איך זיך מיט א נייעם גוף. דאס מאטעריאל פון וואס מיין גוף איז צוזאמגעשטעלט איז אינגאנצן ניי. מיין גוף איז דורכאויס די צען יאר ביסלעכווייז אפגעשטארבן. נישטא פון אים קיין זכר. דער גוף וואס איך האב יעצט, איז שפאגל ניי. (די נייע שיך האב איך געקויפט טאקע לכבוד דער שמחה. פאריגע וואך האט זיך געענדיגט א פרישער צען-יאר מחזור.)

איז, איך, וואס לעבט שוין ארום 25 יאר, בין נישט דער גוף. דער קערפער איז "מיינס". איך בין אבער נישט ער און ער איז נישט איך. מיר זענען טאקע זייער נאענט פארבינדן -- איך קען בשום אופן נישט עקזיסטירן אן מיין גוף; איז ער אבער פארט נישט איך. ער איז מיינס. "איך" בין דער, צו וועמען דער גוף באלאנגט.

מיין מוח? דאס זעט שוין אויס אביסל נאענטער צום אמת. מיינע מחשבות און הרגשים, מיין נערוו-סיסטעם און אלע קערפער-פונקציעס ווערן דירעקטירט און קאנטראלירט דורכ'ן מוח. מסתמא ליגט דער הונט טאקע דא באגראבן. (העי, לולקע: מען האט דיך געכאפט! קענסט שוין ארויסקריכן פון דיין מוח-באהאלטעניש.)

האב איך אבער א שטיקל -- נישט ממש א פירכא, אבער יא א שטיקל קשיא. וואס וועט זיין, אויב איך וועל חלילה זייער קראנק ווערן אין ארום 20 יאר פון יעצט. מען זאגט אז די מעדיצינישע טעכנאלאגיע וועט דעמאלט זיין אזוי פארגעשריטן, אז מען וועט קענען דורכפירן מוח-איבערפלאנצונגען, פונקט מען טוט היינט מיט'ן הארץ און אנדערע ארגאנען. וועט א גרופע עקספערטן מיר געבן א נייעם מוח. (באקומען פון אן אנאנימען ארגאן-ביישטייערער -- א צדיק פון א מענטש!) וועל איך דעמאלט זיין "איך", אדער וועל "איך" דעמאלט זיין יענער, פון וועמען דער מוח שטאמט?

לאמיר עס נעמען א שטאפל ווייטער. לאמיר זאגן אז די טעכנאלאגיע וועט דעמאלט זיין אזוי סאפיסטיקירט, אז זי וועט געבן א מעגליכקייט אז דעם גאנצער תוכן פון מיין מוח -- מיינע געפילן, פרעפערענצן, זכרונות, נטיות, הכל בכל מכל -- זאל ווערן אראפגענומען אויף א הארד דרייוו, און שפעטער, ווען דער נייער מוח ווערט אריינגעשטעלט אין מיין קאפ, וועט דאס גאנצע פעקל אינפארמאציע אריינגעפיטערט ווערן אינעם נייעם מוח. ווער וועל איך זיין דעמאלט: וועל איך זיין מיין "נייער" מוח? דער אלט-נייער תוכן פון מיינעביידע מוחות?

און ווער וועל איך זיין דורכאויס די 12 שטונדן וואס די אפעראציע וועט געדויערן? דער מוח וועט זיך דעמאלט געפינען אין א ספעציעלער מאשין אין דעם צימער אין וועלכן איך וועל ליגן בשעת דער אפעראציע. וועל "איך" דעמאלט זיין אין דער מאשין? אין ערגעץ נישט? ערגעץ אינדערצווישן?

און אז מיר פאנטאזירן שוין יא אזוי באלעבאטיש, פארוואס זיך דא אפשטעלן? לאמיר זיך אויס'משל'ן אז דורכאויס דער אפעראציע איז מיין קערפער צוגעטשעפעט צו דער מאשין וואו מיין מוח ליגט יעצט. עס ציען זיך דראטן פון דער מאשין ביז מיין קאפ, און איך קען אזוי ארום ווייטער פונקציאנירן -- ענליך צום אופן ווי מען טוט עס ביי א הארץ אפעראציע, אז דער מענטש ווערט דורכאויס דער אפעראציע דערהאלטן ביים לעבן מיט א מאשין וואס ערפילט די ראלע פונעם הארץ. וואו און ווער וועל איך דעמאלט זיין: קערפער אדער מוח שבתוך מאשין?

און אויב וועל איך זיך אויפוועקן אינמיטן דער אפעראציע (די היינטצייטיגע איינשלעף-מעדיצינען זענען ווערט א רעטעך! אין 2013 וואלט אזוינס קיינמאל נישט געשען.) און א קוק געבן אויפ'ן מוח אין דער מאשין. וועט עס זיין מיין קערפער קוקן אויף מיר? איך אויף זיך אליין? א שותפות'דיגע קוקעריי אין וועלכן איך/יענץ נעמען ביידע א גלייכן חלק?

לכאורה בין איך נישט דער מוח. פונקט ווי מיט'ן קערפער, איז דער מוח "מיין" מוח. מיין מוח איז מיר טייער און וויכטיג ביז גאר. איך קען אים אבער נישט געבן דעם טיטל, "איך".

פונעם פריערדיגן חשבון קענען מיר אויך קומען צו דער מסקנא אז איך בין נישט מיינע זכרונות, געפילן און נטיות. זכרונות קענען מיר פארמעקן און פארגעסן, געפילן קען מען קאנטראלירן, און נטיות לאזן זיך בייטן. אויב זיי זענען בייגעוודיג און נישט אבסעלוט, קענען זיי דאך נישט זיין איך -- ווייל איך בלייב דאך עקזיסטירן אפילו די זכרונות ווערן נעלם און די נטיות, געביטן אויף אנדערע.

כ'האב א גוף, א מוח, נטיות, זכרונות, פרעפערענצן, אייגנשאפטן א באנק-קאנטע און חובות, א שול וואו איך דאווען, א חסידות צו וועלכן איך באלאנג. דאס זענען אבער אלעס "מיינס", זאכן וואס באלאנגען צו מיר, וואס זענען טייל פון מיין וועזן. ווער איז אבער דער "איך", צו וועמען דאס אלעס באלאנגט?

פארשטייט איר מיר, מיינע ליבע פריינט. איך וויל זיך באמת פאר אייך פארשטעלן, אבער איך קען נישט! וואס זאל איך טאן? זייט נישט ברוגז און גיט מיר דעם "עליכם שלום", אפילו מיר בלייבן פרעמדע. איר זעט דאך אז איך וויל, כ'האב פרובירט. וואס זאל איך טאן אז עס גייט נישט...

**נולד מאוחר** • 1טן פעברואר 2013

ווער זאגט סדא אן איך. דו ביסט א קאמבענעשן פון אסאך חלקים.
ווער איז די וועטשטעבל סעלעד? די טאמעטעס? די לעטעס? די קאקאמבערס?
קענסט ארויסנעמען יעדע איינס סוועט נאך אלץ בלייבן א סעלעד.

**לולקע-ציבעך** • 5טן פעברואר 2013

אן אינטערעסאנטע נקודה. דער צושטעל געפעלט מיר. אבער פיל איך אז ס'איז נישט קיין אויסגעהאלטענער פארגלייך, ווייל איך פיל אז ביים יסוד בין איך איין. איך פארמאג טאקע א סך אייגנשאפטן און צוטשעפענישן. אבער דער "איך" פילט זיך יחידיש, איין, איינציג. יתכן אז ווען דער סאלאט וואלט געקענט מיט אונז קאמוניקירן, וואלט ער גערעדט פון זיך בלשון רבים: מיר זענען א געלונגענער סאלאט! פארזוכט נאר -- איר וועט באלד בעטן נאך!...

**מאראנצנזאפט** • 28סטן פעברואר 2013

איך האב אמאל געהערט אז די קשיא האט א בחור אריינגעפרעגט ביים שיעור פונעם טעלזן ראש ישיבה, ווער איז דער וואס טענה'ט אז דער טלית איז כולו שלי? און וועמען מיינט ער דא דער אני? וואס איז דאס דער "איך" וואס האט די בעלות אויפ'ן טלית, גאנץ א לומד'ישע קשיא... דער ראש ישיבה האט אים געענטפערט: איר האט א קאפ, און איך האב א קאפ, פארדרייט אייער קאפ און נישט מיינס, און דאס איז דער אני!

הומאר

# ארבע מדות לבלאפער

א מנין האלט שוין ביי ברכו, און דער אינגערמאן קומט שפעט. פיר וועגן ווי אזוי צו מאכן דעם עולם גלייבן אז מען איז שוין לאנג דא.

פון **זאלצוואסער**

זאלצוואסער • זאלצוואסער • „ארבע מדות לבלאפער" • 24סטן אקטאבער 2012
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/14.html

היינט אין ביהמ"ד האב איך מכוון געווען לדעת גדולים (לכאורה) מין באמערקן א שטוינענדן חילוק צווישן בלאפער'ס און בלאפער'ס.

דהיינו: אן אינגערמאן קומט אריין אין ביהמ"ד ער זעט זיין מנין האלט שוין ביי ברכו (ווען איך זאג "זיין מנין" מיין איך נישט אז ס'געהער צו אים נאר דברה כלשון בני אדם) און ער האט פאר זיך צוויי אפשען'ס 1. זיך זוכן א צווייטן מנין 2. זיך מיטכאפן מיט "זיין" מנין, אבער, צופיל מענטשן קענען אים און וועלן אים ביים תיקון געבן צו הערן אז זיי האבן געזען ווען ער איז אנגעקומען.

אט זע איך די בלאף פאסירן: ער שפאצירט ארויס פון ביהמ"ד גייט אין א שטובל און ביז אפאר מינוט שטייט ער אין א באנק כאילו ער איז שוין דא פון מה טובו, ער שאקלט דעם קאפ רעכטס אין לינקס (אזוי ווי געוויינליך די וואס זענען שוין 15 מינוט דערין...) און פארקנייטשט זיין שטערן ווי איינער וואס געדענקט שוין נישט ווען ער האט אנגעהויבן צו דאווענען.

דאס איז בלאפער נומער 1.

אט עפנט זיך אויף די טיר און ס'קומט אריין א מער רעפינירטער בלאפער נומער 2. (ווען איך זאג בלאפער מיין איך נישט מיט דער גאנצער שארפקייט, דאס איז ווייטער נאר א לשון וואס מ'רופט אן איימיצן וואס לעבט "אביסעלע" אדער מער נאר פאר יענעם) קומט אריין קוקט זיך אום און ער ווייסט ביי זיך (אביסל קלוגער אז מען האט אים שוין באמערקט אריינקומען מיט נאסע פיאות מאכט נישט קיין סענס זיך ארויס צו רוקן און צוריקקומען ווי א זקן תושב. פאנגט ער אן זיין שפיל:

טעטעטע אזוינס? אזוי שפעט? מ'האט היינט אנגעהויבן פריער? ווער איז צוגעגאנגען? ער פרעגט די אלע שאלות הויך און קלאר אז יעדער זאל הערן, און אויך אז יעדער זאל פארשטיין אז ער שעמט זיך נישט מיטן קומען שפעט. אבוויאסלי ווייל ער האט אן אייזנעם טערעץ.

ער נעמט זיך רייסן די רצועות פארוקן דעם טלית און ער לויפט נאך צו צום בעל תפילה און ווייזט מיט די הענט (אפענע הענט מיטן פנים אויף אראפ) נו נא נא (ער מיינט צו זאגן הויך און שטרענג און אויסגעצויגן: שטאאאאאאטער, ווי יאגסטו?)

איך האב גראדע הנאה פון דעם איד, ער האט געטרענספערט דעם גאנצן פראבלעם מיט איין אויגן בליק צום בעל תפילה, יעדער פארשטייט שוין יעצט אז דער בעל תפילה איז שולדיג אין זיין שפעט קומען.

בלאפער נומער 3. אביסל מער שכל ווי די פריערדיג דערמאנטע, ער קוקט אריין אין ביהמ"ד בעפאר ער שטורעמט אריין, (ער איז גענוג קלוג צו וויסן אז לויטן זייגער קען מען געוויינליך געבן א שאץ ווי מ'האלט...) און ער כאפט שנעל זיין טלית מיט די רש"י תפילין ארויס פון בייטל צעווארפט די רצועות און דעם טלית און נעמט ארויס די הענט פון רעקל ווי איינער וואס איז נאר ארויס הכנות, און ער לייגט דעם הוט אויף די צעווארפענע תפילין און רצועות און קומט (מכלומרש'ט צוריק) אריין און לייגט אלעס אראפ און נעמט זיך דאווענען (מכלומר'שט ווייטער) און הכל שריר וקיים. איי איר האט אים פריער נישט געזען? דאס איז ווייל "איר" זענט געקומען שפעט...

בלאפער נומער 4. שטעלט זיך ביי דער טיר טוט אן טלית און תפילין פאר ער קומט נאך אריין, און ווען יעדער האלט אינמיטן שמו"ע שפאצירט ער אריין, ער קושט נישט קיין ציצית, ער בוקט זיך נישט און קלאפט נישט סלח לנו, ווייל ווען ער האלט באמת ביי שמו"ע דארף יעדער מיינען אז ער זאגט יעצט אשרי ובא לציון, ער פארגעסט נישט צו קושן זיין של ראש און של יד ביי השיבה שופטינו, כדי די קליינע קינדערלעך זאלן מיינען אז ער האלט ביי "פותח את ידיך" וכו'.

יאפס ס'איז שווער צו בלאפן, אבער אז מ'קען קען מען....

א גוט שבת

קולטור • פאלקס־טיפן

# שלומיאל: א ביאגראפיע

דער שלומיאל פון די מעשיות באקומט א לעבנס־באשרייבונג פון געבורט ביז דער קאר – און די ליינער קריגן זיך וואס איז דער חילוק צווישן א שלומיאל און א שלימזל.

פון **וויל אזוי און די ליינער**

קאווע שטיבל • א שמייכל • „שלומיאל“ • 12טן יולי 2017 – 16טן יולי 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11632.html

**וויל אזוי** • 12טן יולי 2017

מ'ליינט מעשיות און מ'שטויסט זיך אן מיט שלומיאל וואס ער איז אייביג די שלא'מזל גארנישט גייט ווי אזוי ער וויל אדער אלעס גייט פארקערט פון וואס ער וויל.

האב איך מיך ארויסגעלאזט אויף א פארש ארבעט געוואויר צו ווערן וואר איז די "שלומיאל" און דאס איז א (חלק) בייגראפיע וואס איך האב צאמגעשטעלט.

שלומיאל איז געבוירן געווארן די אכטע אין א רייע צו א קינדער געבענטשטע משפחה, זיינע פראבלעמען האבן זיך אנגעפאנגען ווען ער איז געבוירן געווארן א מינוט פאר'ן אנקומען צו דעם שפיטאל אין אמבולאנס, אנקומענדיג אין שפיטאל איז נישט געווען קיין איין אייינציגע ראום אוועילעבל פאר איהם אזוי האט ער זיך פאר א טאג צייט ארום'געוואלגערט פון צימער צו צימער ביז ער האט געלאנדעט אין עפעס א צימער'ל, זיין ברית איז אויך פארגעקומען עטליכע וואכן שפעט ווייל ער איז געווען געל.

ביי זיין אפשערן חוץ פון דעם וואס ער איז נישט געווען אזוי באַ'חן'ט סתם אזוי, האט איהם זיין שער'ר בטעות אריינגעשניטן אין זיין רעכטע פאה אזוי אז ס'האט אויסגעקוקט זייער שלעכט.

אין חדר איז ער אלעמאל געווען די קרבן, די מלמדים האבן זיך געלערנט אויף זיינעביינער, חברים איז געווען פאר איהם א ווייטע פאנטאזיע.

ביי זיין בר מצוה איז געפאלן א שווערע שניי אזוי אז ס'געווען אויסגעשפילט און צו דעם האט ער נאך באקומען די וויינִיגסטע ספרים פון זיינע זיבן ברודער'ס.

אין ישיבה האט ער קיינמאל נישט געקענט די פארהער, חברותות איז איהם געווען שבעה מדורי גהינם, קנס איז געווען ביי איהם אן אפטער ערשיינונג, ווארפן פון ישיבה איז אויך געווען גאנץ אפט.

כשגיע לפרקו האבן זיך זאכן געשלעפט און 'דערווייל' איז אריבער כמה וכמה שנים (קרעדיט ר' יואל ראטה) אזוי איז ער אפגעזיצן בין כותלי ישיבה ביז די הויכע צוואנציג'ער.

ביז דער פריידיגער מינוט איז אנגעקומען און ער איז א חתן געווארן צו א ווייטע לאנד (לאנד כ. כצ"ל) און ער האט חתונה געהאט, ביי זיין חתונה זענען געקומען א קארגע צאל מענטשן נאכדעם וואס אסאך פליגער'ס זענען געווארן געקענסלד צוליב שווערע ווינטן.

נאך דער חתונה האט ער געהאט נאך אסאך מיט מאכענישן ווי למשל זיין דירה איז געווען פול מיט שימל, זיין מקוה קארטל האט נישט געארבעט, א הייסע קאפי האט זיך אויסגעגאסן אויף זיין נייע חאלאט דעם ערשטן טאג אין כולל, נאכדעם האט ער זיך געמוטשעט צו טרעפן א דשאב.

נאכ'ן פעילן עטליכע ראוד טעסט'ס האט ער ענדליך באקומען זיין לייסענס און געקויפט א קאר, אבער מיט זיין קאר פלעגט ער אייביג האבן פראבלעמען ער פלעגט אויסלויפן פון געז יעדע שני וחמישי אדער כאפן פלעט'ס א האלבע שעה פאר'ן זמן.

ער האט זיך פרובירן צו באווארענען האט ער געקויפט א קליין באטל מיט געז אבער פונקט ווען ער איז אויסגעלאפן פון געז איז זיין באטל געווען ליידיג.

אייביג האט ער געהאט טרעפיק אויפן וועג ער פלעגט קיינמאל נישט טויישן לעינ'ס אויפן הייוועי ווייל פונקט די לעין וואו ער איז אריין איז געווארן ערגער.

מענטשן פלעגן זיך ווילצלען אז ער איז געבוירן געווארן א מינוט צו שפעט פלעגט ער אייביג צוריקקענטפערן מיט א זיגרייכע שמייכל "א מינוט צו פרי".

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 12טן יולי 2017

דער מלמד פלעגט איהם טעגליך שיקן מאכן קאפיס, און דער קאפי מאשין האט אייביג נישט געארבעט.

**מיש-נייעס** • 12טן יולי 2017

מיינע רבי'ס האבן געזאגט וואס איז א חילוק צווישן א שלימואל און א שלימזל, דער שלימזל צערברעכט א פלאש האניג, און דער שלומיאל מוז פונקט דעמאלטס דארט זיין און זיך אנ'חזר'ן, ודפח"ח... גראדע הגעהערט פון א מלמד וואס איז געווען ביידע

**פריש וואסער** • 12טן יולי 2017

דער אריגינעלע נוסח גייט אזוי:

דער שלימזל גיסט אויס א הייסע טעלער זופ אויפן שלומיאלס הויזן.

**berlbalaguleh** • 12טן יולי 2017

פריש וואסער: ויש גורסין להיפוך. אז דער שלומיאל איז דער וועיטער וועלכער גיסט אויס די זופ אויף דעם נייעם סוט פונ'ם שלימזל...!

**תנחום** • 12טן יולי 2017

שלומיאל האט זיך געלייגט שלאפן ראש השנה בייטאג צו פארשלאפן זיין שלעכט מזל אבער צוליב זיין גרויס שלימזלות איז ער נישט איינגעשלאפן

**כפתור** • 12טן יולי 2017

...און דער נודניק וויל וויסן וואסערע זופ ס'איז געווען.

**אדוניגו** • 12טן יולי 2017

און דער פגע-רע וויל וויסן אויב די מעשה איז אמת...

**קאצקע ציקער** • 13טן יולי 2017

און דער לא לנו גליטש זיך אויס אויפן זופ.

**גראף** • 13טן יולי 2017

און דער נער שטייט און לאכט.

**וואלוי** • 12טן יולי 2017

רעדנדיג פון שלומיאל, שטעלטס ענק פאר ווי אזוי די נשיא'ס בני השבט האבן זיך געפילט מיט דעם נאמען:

וועלעכע שבט ביזטו? ווי אזוי הייסט ענקער נשיא?

שלומיאל. האסט א פראבלעם דערמיט?

**אייז קריעם** • 13טן יולי 2017

שלימזל האט אנגעלאדט צוויי וועגעלעך און גראסערי אבער ביים צאלן זעט ער אז ער האט נישט זיין בערזל, דער שלומיאל שטייט פונקט און דעם ליין.

שלימזל איז אנגעקומען און איזי פעס לעין און ער האט נישט קיין איזי פעס... שלימואל איז רייט ביהיינד הים..

איך זאג די אלע זאכן ווייל עס איז שכיח יעצט זימער ווען דער עולם פארט ארום כסדר.

די אלטימעט שלימואל איז א פרוי וואס האט חתונה געהאט מיט א שלימזל....

**וואלוי** • 13טן יולי 2017

שלימזל צונד אן זיין לעצטע ציגארעטעל פארקערט מיט שלימואל'ס לעצטע מעטש

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 14טן יולי 2017

שלומיאל גייט מסר'ן צום מנהל אויף זיין חברים, און ער ווערט אויך געשטראפט צוזאמען מיט זיי.

**נעגעל וואסער** • 16טן יולי 2017

ביי אונז פלעגט מען זאגן, דער שפאלט אזוי; דער שלומיאל האט אייביג דאס פנים פונעם האנט זייגער אויף אראפ, מיטן פנים צום טיש, אזוי ווען ער האלט אינמיטן טרינקען א הייסע קאווע און ברויך וויכטיג וויסן דעם זייגער, וועט ער געבן א דריי די הענט און די קאווע גיסט זיך אויס אויפן שכן. ווידער דער שלימזל האט דאס פנים פונעם זייגער פון אויבן אזוי ווי יעדער איינער, און ווען ער קוקט די צייט מיט א הייסע קאווע אין דער האנט גיסט זיך עס אויס, אבער אויף זיין אייגענע שויס...

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע שטיקלעך: א ליד פון איינעם וואס יאגט זיך, קנאה און מיליאנען, און צוויי אפאריזמען.

## ווען יעדער יאגט זיך האב איך צייט

**:zaltzvaser**

אז דער עולם גלייכט פאעזיע וועל איך אראפברענגען וואס איז מיר איינגעפאלן היינט צופרי, זיך יאגנדיג אין מקוה ווייל מיין חברווארט מיך...

ווען יעדער יאגט זיך האב איך צייט
ווען איך יאג מיך גייט יעדער שטאט

פארוואס ווען איך לויף אין מקוה 100 שעה א מייל
פונקט דעמאלס שטייען 5 אידן פארן טוירנסטייל

פארוואס ווען צום שויער לויף איך שיעור ביז צום גליטשן
שטייט יעדער רואיג זיך זייפן און בליטשן

[פארקירצט]

פארוואס ווען איך וויל דעם גארטל שנעל אנדרייען
ווערט עס זיין פארקנופט און פארבינדן וויפיל איך זאל נאר טרייען

(פזמון: ווען יעדער יאגט זיך האב איך צייט...)

פארוואס ווען איך לויף ארויף מיט איין אטעם די שטיגן
פונקט דעמאלס קומט יעדער דעם פארקערטן וועג אקעגן

פארוואס ווען איך וויל מיין פרישטאג קויפן און אפיאגן
ווערן פונקט 10 אנדערע פאר מיר שטיין און שטייטערהייט זייער ארדער זאגן

[פארקירצט]

פארוואס יאג איך מיך צו ענדיגן דעם ארטיקל
ווען איך ווייס אז די ארבעט ווי איך יאג זיך ברענגט מיר נישט קיין ניקל

(פזמון: ווען יעדער יאגט זיך האב איך צייט...)

זאלצוואסער • 24סטן אקטאבער 2012
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/16.html

### קנאה און מיליאנען

**והאיש משה:**

זאגט מיר א חבר ס'איז לייכטער צו ארבעטן שווער כדי צו האבן מיליאנען- ווי ארבעטן אויף קנאה...

**הקטן:**

איז האבן מיליאנען אן ענעקדאד פאר קנאה?

קאווע שטיבל • 26סטן דעצעמבער 2018
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12807.html#p420188

### צוויי אפאריזמען

**אברבנאל:**

ישראל נמשלה לכוכבים: פונדערווייטן זעען זיי אויס נאנט איינס צום אנדערן, און פון דער נאנט זעט מען אז זיי זענען העט העט ווייט. (שמעתי)

**בן תמליון:**

דער מענטש טראכט און ס'נישטא ווער ס'זאל לאכן (יצחק ניבארסקי).

קאווע שטיבל • 28סטן אויגוסט 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1675.html#p40582

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אונטער דער ביאגראפיע פון „שלומיאל“ (זעט „קולטור“) האט „פריש וואסער“ צוגעלייגט:

> און שלומיאל ווארט דא שוין צוויי יאר, אז כאטש איינער זאל מגיב זיין אויף זיין תגובות.

**פריש וואסער** • קאווע שטיבל • 12טן יולי 2017

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11632.html

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 1טן מערץ, אין פריערדיגע יארן? צוויי מאל וועגן דעם מענטש און זיין אינעווייניג: א קלאג פון איינעם וואס האט זיך געשלאגן מיט זיין יצר, און א ליד וואס הייסט לעבן פאר זיך.

5
יאר צוריק
2022

## האט מען דען א בחירה?

**קהל'ס נער** • קאווע שטיבל • העמק דבר • 1טן מערץ 2022

איז מעגליך אז א מענטש זאל נישט האבן קיין בחירה, איך האב אלעמאל געוויסט אזוי, לב יודע מרת נפשו, יא ווי שטארק איך האב געוואלט זיין ערליך, בין איך דארך געפאלן, איך האב מיך ממש געשלאגן מיטן יצר הרע, כ'האב געפילט אז איך פשוט נישט קיין בחירה, ס'געקימען א פוינט ווי כ'האב פשוט אויפגעגעבן, כ'האב קיינמאל חרטה געהאט פארן אויפגעבן ווייל כ'האב געוויסט אז איך האב געטרייט די מערסטע וואס איך קען, און איך רעד נישט פון איין נסין, איך רעד פון יארן טאג איין טאג אויס, איך האב מיך אייביג געמיטשעט מיט "אין הקב"ה בא בטרוניא על בריותיו" קיין אפיקורוס האב איך נישט געוואלט זיין האב איך אלעמאל געטראכט "מסתם איז עס העכערע זאכן" איך בין געווען רואיג אז אויף יענע וועלט וועל איך זאגן "אבינו שבשמים, ווער נאך ווי דו ווייסט וויפיל איך האב מיך געשלאגן מיט מיין יצר הרע, און ער האט אלעמאל געוווינען, איך האב נישט געהאט קיין בחירה, איך בין נישט שילדיג"

למעשה לערן איך היינט דף היומי און איך זעי אן אינטערעסאנטע גמ'

כל העובר עבירה בסתר כאילו דוחק רגלי שכינה, איני, והאמר ר' אילעה אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו ילך למקום שאין מכירים אותו וילבש שחורים ויתעטף שחורים ויעשה מה שלבו חפץ, לא קשיא, הא דמצי כייף ליצריה הא דלא מצי כייף ליצריה.

זעי איך אז די גמ' איז מסכים מיט א מציאות פון "לא מצי כייף ליצריה" ער קען נישט דערדריקן זיין יצר הרע.

זאל עס זיין א חיזוק פאר יעדער וואס סטראגעלט מיט דעים און שלאגט זיך אן אומזיגבארע מלחמה, זאלסט וויסן אז, ניין ביסט נישט קיין שייגעץ, ביסט א נערמאלע מענטש, און דו האסט נישט קיין בחירה, גיי לעיב א פריילֶיך לעיבן.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15179.html

14
יאר צוריק
2013

# לעב דיין אייגענעם!

**משה געציל** • קאווע שטיבל • געזעלשאפט • 1טן מערץ 2013

אנגעזעצט באמאכט, / טראכט פארמאכט,
פארוואס פארשמאכט? / פארוואס פארקראכט?

דער קאפ יאגן, / אסאך צו זאגן,
פארוואס צוטראגן? / פארוואס צעשלאגן?

פילע געדאנקען, / ווי אין אלטע באראקן,
פארוואס פארדעקן? / פארוואס נישט אנטפלעקן?

נייע ערפינדונגען, / אין קאפ שווימען,
פארוואס פארבינדן? / פארוואס נישט ארויסקומען?

קונסטליכע טאלאנטן, / שטויביגע ברילליאנטן,
פארוואס פארשמאכטן? / פארוואס לעבן א פארקראכטן?

ווייטע פארקלערט, / דאס לעבן צעשטערט,
פארוואס פארטרערט? / פארוואס נישט פארקערט?

דער מח קלאגט, / שרייט און זאגט,
פארוואס פארפלאגט? / פארוואס פאריאגט?

דער הארץ צופליקן, / מחשבות פארשיקן,
פארוואס אונטערדריקן? / פארוואס נישט דערקוויקן?

צעבראכן טוט שפירן, / געפילן נישט פראדאצירן,
פארוואס פארפירן? / פארוואס נישט צופרידן?

דיין רצונות אויספיר, / לעב נישט פאר מיר,
צופרידן שפיר, / לעב פאר דיר!

דיין הארץ באפרייד, / נישט פוסט און ליידיג,
יענער מעג שרייען הייזעריג, / דיינע כוחות פארטיידיג!

טאלאנטן אנטפלעקן, / נישט פארדעקן,
יענעם מיז נישט שמעקן, / טו נישט שרעקן!

געדאנקען אויסשמוסן, / נישט פארשליסן,
זיי נישט צעריסן, / דריי דיך נישט פארביסן!

מחשבות ערפיל, / וועסט שפירן פיל,
א געשמאקע געפיל, / נישט לער נאר א ציל!

שרעק פון קיינער, / נאר פון בורא איינער,
לעב א ברייטער, / נישט פאר א צווייטער!

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3081.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל • פעליעטאן** | „צו פארגינען אדער נישט צו פארגינען" · **הבל וריק**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „צו פארגינען אדער נישט צו פארגינען" · 14טן מאי 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/17050.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „די ניין טיפן מענטשן – וועלכער ביסטו?" · **קאצקע ציקער, הקטן,** **berlbalaguleh, moshav zekeinim** און אנדערע<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „אניגראם די 9 טיפ מענטשן - וועלכע ביסטו?" · 16טן יולי 2015 – 21סטן יולי 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9303.html |
| **וויסנשאפט • פסיכאלאגיע** | „עקספערימענטן אויף דער מענטשליכער נפש" · **יעקב מעקסוועל, מי אני און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „אינטערעסאנטע עקספערימענטן און שטודיעס - פסיכילאגיע" · 22סטן יולי 2020 – 23סטן יולי 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14061.html |
| **היסטאריע** | „די אידן און פסיכאלאגיע: פרויד" · **שאלתיאל**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „די אידן און פסיכאלאגיע" · 14טן יולי 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15407.html |
| **איבערלעבונגען • א זעלבסט־פארטרעט** | „ווער בין איך?" · **לולקע-ציבעך און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „ווער בין איך?" · 31סטן יאנואר 2013 – 28סטן פעברואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2850.html |
| **קולטור • פאלקס־טיפן** | „שלומיאל: א ביאגראפיע" · **ווייל אזוי און די ליינער**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „שלומיאל" · 12טן יולי 2017 – 16טן יולי 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11632.html |
| **הומאר** | „ארבע מדות לבלאפער" · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · זאלצוואסער · אשכול „ארבע מדות לבלאפער" · 24סטן אקטאבער 2012<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/14.html |
| **היינט מיט 5 יאר צוריק** | „האט מען דען א בחירה?" · **קהל'ס נער** · קאווע שטיבל · העמק דבר · 1טן מערץ 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15179.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „לעב דיין אייגענעם!" · **משה געציל** · קאווע שטיבל · געזעלשאפט · 1טן מערץ 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3081.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווען יעדער יאגט זיך האב איך צייט" · **zaltzvaser** · זאלצוואסער · 24סטן אקטאבער 2012<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/16.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „קנאה און מיליאנען" · **והאיש משה / הקטן** · קאווע שטיבל · 26סטן דעצעמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12807.html#p420188 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „צוויי אפאריזמען" · **אברבנאל / בן תמליון** · קאווע שטיבל · 28סטן אויגוסט 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1675.html#p40582 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **פריש וואסער** · קאווע שטיבל · 12טן יולי 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11632.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 4טן מערץ – נומער 39, אויף פרשת ויקהל; מאנטאג, דעם 8טן מערץ – נומער 40

„ארכיוו" • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.